צווייטע פּערזאָן

ד ו ! - פערזאניקער פראנאם, אצ: א) דו - נאמינאטיוו (אין דער פונקציע פון א סוביעקט אין זאץ).

ב) דיך - אקוזאטיוו (אין דער פונקציע פון א דירעקטן אביעקט; דיר - דאטיוו (אין דער פונקציע פון אן אומדירעקטן אביעקט); אין לד ווערן אפט פארמישט דיך און דיר. ווערט גענוצט אין א דירעקטער ווענדונג:

1. צו א קינד אדער צו א דערוואקסענעם, מיט וועמען מ׳איז אין קרובישע אדער חברישע, פריינדלעכע באציונגען.

% לייבעלע, דו דארפסט שוין גיין אין שול אריין.

בערל, דו קאנסט מיר לייען א הונדערטער ביז מארגן?

די מאמע וויל דיך זען. מ׳האט דיר געבראכט א מתנה.

|1819| " דיא |=דו| וועסט אויך זעהן וואס אויף דער חתונה

1 וועט גיפאלין דרשה גישאנק פון כלהס צד". פערל, 1, 124.

1865 " דו זאגסט דיינע א טאכטער אוועקגיין ביי נאכט,
און דו ווייסט אליין ניט וווהין |...|". דיק, 33,22. 2

1888 " זאג זשע יא, נארעלע, וואס קאן עס דיר ארן?
דו זיי קראנק, און איך וועל דיר געבן רפואות". 2/1
מענדעלע, 1, 28.

1907 " אויב דו ווילסט א רעכטן לערער |...| קאן איך
דיר רעקאמענדירן מיין אייגענעם זון |...|". 3
שלום=עליכם, 18, 29.

1936 " צענדליקער מאל פארביי דיר זיך געשלייכט,
און דו האסט אפילו מיין שאטן ניט באמערקט". 4
מ. אלטמאן, 3, 160.

1966 " צי ווייסטו, ווי ליב מיר דער בוים איז, דורך דיר
א פארלאזענער,// דער אויסבעט, ווו דו ביסט געזעסן?". 5
האלקין, 4, 187.

2. צו אן אומבאקאנטן דערוואקסענעם (אין א גראבן טאן).

% העי, דו שלעפער, טראג זיך אפ!

1910 " הער, דו ביסט א נפש מיט א געמבע, האסט א קוויטש |...|".

פרוג, 1, 171. 6

1926 " פיפערנאטער! ווער פרעגט דיך? ס'איז דייך באבעס

דאגה?". אפאטאשו, 5, 41. 6/1

1957 " כ'וועל דיך באגיסן מיט סמאלע, באשיטן מיט

פעדערן פאר די אויגן פון דער גאנצער גראמאדע". 6/2

ברוסילאוו, 2, 245.

3. צו א בעל=חי. % דו ביסט א גוט קעצעלע, וועל

איך דיר געבן א ביסל מילך.

1873 " אך און וויי איז דיר, נעבעך, וואס דו ביסט

א קליאטשע, וואס דו באדארפסט מיך טראגן |...|". 7

מענדעלע, 1, קאנק 389110.

1903 "דאָס דאַזיקע קאָרעסל האָט שטאַרק חשק געהאַט, א
פּנים, צוריק אין טײַך, האָט זיך עס געוואָרפן, |...| 8
געעפֿנט דאָס מאלעכל |...|: ייִנגעלע, שאַטעווע מיך! |...|
איך וויש אויס דאָס פּנים און |...| טראַכט מיר: אָרעם
קאָרעסל, וואָס **דו** ביסט! איך קאָן **דיר** גאָרנישט טאָן...".
<u>שלום=עליכם</u>, 2א, ז׳, דערצ׳, <u>צער=בעלי=חיים.</u>

4. צו גאָט. % די באָבע שעפּטשעט: רבונו=של=עולם, **דו**
ביסט דאָך אַ דערבאַרעמדיקער גאָט!

1832 " אויב **דוא** וועשט גרונטוויך דיא טיפּניש פון דעם
דין ווער וועט קאנין גירעכט בלייבין פאר **דיר** 9/1
אין דין". <u>מחזור, 2, דף כט/א.</u>

1895 " רבונו=של=עולם, |...| באַטראַכט, ווי מיר האָרעווען,
10 און נעם זיך אָן די קריוודע פֿון די אָרעמע לייַט נעבעך,
וואָרעם ווער דען וועט זיך אויף זיי אַרומקוקן, ווען ניט
דו?". שלום=עליכם, 7ב, קאַפּ 1.

1920 " |...| אַ דאַנק דיר, גאָט גערעכטער!// דו האָסט
12 מאַראַנען שוואַכע, זינדיקע, באַגליקט// דייַן הייליקונג
צו זען |...|". ליעסין, 3, 115.

1957 " אל חנון! |...| דייַן האַנט האָט איבער נחס קאָפּ//
13 דעם רעגנ=בויגן אויפֿגעהאַנגען,// אַ צייכן, אַז דו
האָסט מיט אים אַ בונד// און דו וועסט מער דעם
מבול ניט באַנייַען". ראָיזענבלאַט, 8, 101.

1974 " אין דער תפילה, ביים ארויפלייגן די רצועה,

זאגט זיך: |...| איך וועל דיך פארקנסן צו מיר 13/1

גאט |...|". עלבערג, 2, 382.

5. (עלט) צו אַלע מענטשן, צו אַ פֿאָלק, צו מענטשן בכלל אין

אַן אַנזאָג, פֿאַרזאָג. % אין די עשרת=הדברות ווערט

געזאָגט: דו זאָלסט ניט גנבענען!

1851 " דו טאָרסט ניט אָוועקרוקן דעם געמאַרק פֿון דיין

חבר אין זיין פֿעלד אריין כדי דיין פֿעלד זאָל ברייטער 14

ווערן". חומש עם עברי=טייטש, דברים, יט - ד.

רעד: דער אויסלייג מאָדערניזירט (דורכן אויסשרייבער?)

1941 " וועט יהוה דײַן גאָט |...| צוריק דײַך אײַנזאַמלען

14/1 פֿון אַלע אומות, וואָס יהוה דײַן גאָט האָט דײַך צעשפּרייט".

תרגום יהואש, דברים, ל - 3.

6. צו זיך אַליין רעטאָריש=עמאָציאָנעל, אָפטער אין פּאָעטישע
שאַפֿונגען אין אַ ווענדונג צום ליִרישן העלד, דעם
פּאָעט אַליין.

1920 " דו קומסט - פֿון וועלכער גראָזנדיקער ווײַט?//

15 און גייסט צו וועלכע נעפּלדיקע סופֿן?". קולבאק, 1, 77.

1935 " לויטערע טעג און לויטערע פֿאַרנאַכטן האָבן גערופֿן

16 |...| אין דרויסן, און דו בלײַב זיצן און גרימפּלען

אויפֿן אינסטרומענט". א. קאַהאַן, 3, 16.

1936 " א ווינט א זאַלציקער, מיט דיר אין א געפּעכט
16/2 דו ראַנגלסט זיך". סוצקעווער, 3, 42.

1940 "|...| יעדער געשריי פֿון דײַן בלוט// צו אַנשטרענגונג
16/1 רופֿט דיך". קושניראָוו, 5, 70.

1966 " דו קומסט אין וואַלד נאָר צו פֿאַרברענגען,|...|
17 זיך אין געפּענק אין אָפֿענעם פֿאַרשליסן". האלקין,4,110.

1972 " גיי פּרוּוו אין פֿרילינגדיקן וואַלד // די ראַבינע
געפֿינען!// דעם ברייטן דעמב דערזעסטו באַלד// דערקוקסט
אויך די אַסינע.// עס טוט דיר |=דיך| א פֿאַרגאַס מיט שײַן//
די ליכטיקע בעריאָזע". טעלעסין, 1, 53.

7. רעטאַריש אין אַ ווענדונג צו אַ פּערזאָניפֿיצירטער זאַך.
% שטעטעלע מײַנס, דו שטייסט מיר תּמיד פֿאַר די אויגן.

|אנהייבאיי"ה|   " אויס דיר, צעריסן גראב שטיקל זאק//

18 וואס ביזט פון אלע שמאטעס דער בראק,// וועט זייער

ניט זיין גענוג פאר דיר, אז דו וועסט ווערן ביבעלע-פאפיר".

עטינגער, 3, 200.

|1907-1891|   " וואס קלעמסטו, מיין הארץ, א דו קינדעריש

19 הארץ, // ס'איז צייט שוין צו ווערן דיר קליגער; דו

לעבסט אין א צייט, ווען יעדער איז הארט,// ס'פארוואנדלען

זיך פייגל אין טיגער". רייזען, 11, 48.

1922   "צוקאפנס טונקלען ימען אייז,// צופוסנס גליט

20 קאווקאז, - דו |=רוסלאנד| ליגסט צעשפרייט, א ריזנגריי,//

אין הילפלאזן עקסטאז". ליעסין, !!, 256.

1950   " טרויער, ווי אזוי זאל איך דיך שילדערן?// ווי

20/1 אזוי זאל איך דיך געשטאלטיקן, פרייד?". ניסענזאן, 4, 78.

8. אין אומבאשטימט=פערזאניקע זאצן, במקום דעם

אומפערזאניקן פראנאם "מען" מע(ן).

1898 " ווער זייַנען די רעכטע גרינדער פון דער

גע‌זעלשאפט? דו געפינסט דארט די גרעסטע לייט, |...| 21/1

וועלכע זייַנען גאנץ ווייט פון נארן דעם עולם און

מאכן אפערעס". יאנפאלסקי, 1, 15.

1930 " וועז דו קוקסט אראפ פון די 'טווין=פיקס'

אויף דער שטילער אנטשלאפענער שטאט מיט אירע 21

געשניצטע גאסן, וואס לויפן בארג=אראפ, הייבסטו אן צו

גלייבן אין פישוף". אייכהארן, 7, 213.

9. דער פראנאם "דו" קאן ווערן רעדוצירט און באהאפטן

מיט א ווערב, II פערזאן אצ. % ווּוהין גייסטו?

|גייסט+דו|. אז דו ווערסט זייַן אין שטאט, זאלסטו
|זאלסט+דו| זיך אריינכאפן צו מיר.

1875 " און ווער ביסטו|טעקסט:ביזט דו| דאָס עפּעס פּאַר א

22 געשקראַבעטע מאָרדע?". דיק, 79, 30.

1932 " וואָס דאַרפסטו מער? - אָט בין איך אַ פּאַטשיילע,//

23 און במילה גרעסער פון דיין קאָפּ|...|". שטיינבארג, 1,186.

1970 " איך רינגעלבלומען איז אויך מקוים געוואָרן

24 דער אַלטער מאמר פון די חכמי=תלמוד: 'אומעטום ווו,

דו זעסט זיין גרויסקייט, זעסטו זיין ענייוות".

יזב 15, 662.

ם זיין ~~מיט~~ אויף "דו"(מיט עמעצן) - זיין מיט עמעצן

(ניט קיין קרוב) גוט באַקאַנט, באַפריינדט, אין נאָענטע

באַציִונגען.

איבערגיין (ווערן) אויף "דו" – ווערן מיט עמעצן נעענטער
באַקאַנט, באַפֿריינדן זיך, אַרײַנגיין אין נעענטערע
באַציִונגען, טראַקטירן עמעצן פֿאַמיליאַר.

... " איך אַזעלכע מינוטן האָט פּרץ ליב געהאַט |...|
25 אַריבערצוגיין פֿון 'איר' אויף 'דו'". שלום=עליכם, ב5, 78.

1932 "די ייִדענע איז באַלד אַריבערגעגאַנגען מיטן
26 אינספּעקטאָר אויף 'דו'". סיטאַ, 2, 12.

מיר ניט, דיר ניט (וואָר: ניט מיר, ניט דיר) – אויסדרוק
פֿון עקשנות, צו=להכעיס=טאָן.

שוו: גוט ביר, אָבער ניט פֿאַר דיר. איך צו דיר, ווי דו צו מיר.
זאָג ניט יענעם דו, וועט מען דיך אירצן.

## ם דוא, דיך, דיר.

.1 ←---

|XV| י"ה| "שמואל שפראך צו שאול <u>דוא</u> זולשט ורוא |=פרי|

32 אויף שטון// איך וויל <u>דירש</u> גלייך זאגן גוט האט

מיך צו <u>דיר</u> גיזאנט.// <u>דוא</u> זולשט דיא קרון טראגן

אויבר אל ישראל לאנדא". <u>שמואל=בוך, סטר׳ 154</u>.

1541 " דער קוניג שפרך ור נים מיך ערן// דיין ווארט

33 די טונן מיר אנדן// ניט נעם <u>דיך</u> אן דער זאך אזו

העפטיג// <u>דו</u> דארפשט ניט זיין האלב אז |אזוי?|

גישעפטיג". <u>בבא=בוך, סטר׳ 207</u>.

1676 " איין עשיר הוט פיל געלט צו אנדר גיטן דז ער

34 הוט גיזאמלט אויף צדקה אונ׳ ער פורט איין תלמיד חכם

אן היים אונ׳ ווייז אים איין גראשן אוצר באר געלט,
דער תלמיד חכם שפראך וויא צו דיר דש דוא אזו פיל
גישטארבן דר ווייל איין גראש נאט אונ׳ בידוירפנש".
ברנט שפיגל, פרק כח.

1771 " זאגט דר מלך אלכסנדר דוא יונג קער ווידר צו
35 דיין ארט דען דו בישט נאך יונג, אונ לאז זיך
שטעלין ריידן איין עלטרר פון דיר". בן המלך והנזיר,2.

.4 <---

1626 " |...| דען מיט דיר איז (מקור) דר אורשפרונג
36 (חיים) פון קוועלנדיק ווסר (ביוורק) איין דיינום לויטרן
גישטאלט ווערן מיר זעהן ליכט". ס׳ המגיד,1,תהילים,לו -י*.

1725 " |...| דען דוא האשט בישאפין דיא גאנצי וועלט
37 הימל אונ ערד |...|". תקוני המועדים דף 1/3.

5. ←---

1610 " אונ׳ איך וויל בענשן דיך אונ׳ איך וויל גרושן

דיין נאמן אונ׳ זיי דוא איין בענשר". 38

טייטש=חומש, בראשית, יב - ב.

1732 " דו זאלשט איין אשה אפילו אן קיין קליינן

פינגר אן זעהן, דען דער יצר טוט דער דארך צו דיר 39

גינעהן". עיון יצחק, 6, - 2.

9. ←---

1544 " גלויבשטו דעם ואלשן ריקן ווש ער דיר לויגן זייט".

שמואל=בוך, סטר׳ 943. 40

1602 "דז מן ווידר עק שטיין נוך גרונד שטיין אויז

דיר נעמן קאן זונדר איין איביגן ווישטונג זולשטו 41

זיין". ס׳ ירמיה, נא - כו.

1763 "טעט ער זיך מיט זיינע יועצים בראטן. זיא 42
שפראכן צוא קאנשט דען יודן ניט בייא קומן קאנשטו
ניט גידענקן וועו אירי צווייא האבן חרוב גימאכט אזו
איין גרושה שטאט". קהלת יעקב, דף כח - 1.

(?נ?) ד ו !! - דער, =ס/=ען. (שנש) דער פּאַרטנער פון די רייד, דער מיטשמועסער.

57 ... "אַלע איכן ווערן דוען". סוצקעווער, 3, "וואַלדיקס".

58 1970 "מײַן איך איז באַפּליוסט// מיט אַלע ערס, אַלע דוס". אהרן צייטלין, 7, 514.

דואָ – דער, =ס. (עלט) דזוו דועט פון אינסטרומענטן.

ד ו א ד ע - די, =ס. |סטוטש 58|. בנב.

ד ו אָ ד ע נ ו ם - דער, =ס. (אַנאַט) די צוועלפֿפֿינגערדיקע דיקער סטוטש 240|. % דער רענטגען האָט געוויזן אַ געשוויר אויפֿן דואָדענום.

|| דואָדעניטיס - די, בא. (מעד) די קרענק וואָס באַשטייט אין האָבן אַ געשוויר אויפֿן דואָדענום. (?ב?)

(?נ?) ד ו אָ ד ע צ י מ אַ ל - אַדי. (מאַטעמ) צוועלפֿטלדיק, געניצט

נאָר אין מאַטעמאַטישן באַגריף דואָדעצימאַלע סיסטעם

פֿון רעכענען (לויט וועלכער יעדער העכערער איינס

באַשטייט פֿון 12 קלענערע).

(?ב?) ד ו אָ ד ע צ י מ ע – די. ס. (מוזיק) 1. דער צוועלפֿטער
שטאַפּל אין אַ דיאַטאָנישער גאַמע.

2. דער אינטערוואַל צווישן דעם ערשטן און צוועלפֿטן
שטאַפּל פֿון אַזאַ גאַמע.

|| **דואַדעצימאַל** – אַדי. (מאַט) צוועלפֿטלדיק. %

% אין דער **דואַדעצימאַליער** רערן=סיסטעם באַשטייט יעדער
העכערער איינס פֿון צוועלף נידעריקערע.

(?נ?) ד ו א ל - אדי. (גראמ) פאַרלדיק |סטוטש 371|.

(?נ?) ד ר אַ ל אָ ג - דער, =ן. |סטוטש 373| דזוו דיאַלאָג.

ד ו א ל י ז ם – <u>דער, בא.</u> 1. צעצווייטקייט, צווייִקייט,
געטאפלטקייט.

... " אט די ביידע סוגים ליטעראטור זיינען נאך זייער
70 נאטור |...| נאר א פראדוקט פון דער גלות=דערציִונג
און פון גלות=<u>דואליזם</u>". <u>ש. דאווידאוויטש, פער 94, נ' XXI.</u>

1970 " אויב ביז צו אנטשטייונג פון דער סאציאלער
71 זעלבסטהילף איז די גאנצע שטיצע |...| געקומען דירעקט
פון דזשאינט, האט זיך איצט געשאפן א מין <u>דואליזם</u>".
<u>יזב 15, 744.</u>

2. פילאזאפישע שיטה (דעקארט, קאנט <u>א"א</u>), וואס האלט,
אז מאטעריע און באוווּסטזיין (זיין און דענקען,
נאטור און גייסט) זיינען אומאפהענגיקע עלעמענטן
(אין קעגנזאץ צום מאניזם).

1912 " פֿון דעסטוועגן בלייבט בערגסאָן, ביי זיין

72 גאַנצן טעאָרעטישן קאָקעטירן מיט דעם <u>דואַליזם</u>,

אַ מאָניסט". <u>זשיטלאָווסקי, 2, 182.</u>

ד ו א ל י ט ע ט - די, בא. צווייִקייט, צעצווייטקייט.

1917 " דער גלויבן אין דער דואַליטעט פון אונדזער שׂכל

75 שפּילט זייער אַ וויכטיקע ראָלע אין דער טעאָריע פון דעם

דיאַלעקטישן דענקען". זשיטלאָווסקי, 7, 80.

דואַליסט - דער, =ן. אַנהענגער פֿון דואַליזם, ב' 2.

|| דואַליסטיש - אַדי/אַדוו. 1. שייכדיק צו דואַליזם, ב' 2.

1955 " על=פּי רעליגיע זייַנען מיר מאָנאָטעיִסטיש,

איינסיסטיש; פֿילאָסאָפֿיש גענומען זייַנען מיר דואַליסטיש: 76

גאָט און וועלט". א. אלמי, פּער 166, VI /3.

2. צעצווייט, צווייִיק, געטאָפּלט.

1912 " איך זייך דואַליסטישער אַנטוויקלונגס=פּאַזע האָט

זיך דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט געדוכט, אַז ער קאָן |...| 78

זייַן נאַציאָנאַליסטיש |...|". זשיטלאָווסקי, 4, 84.

ד ו ב I - דער, |=עס?| (סל, גארבער=לשון) קאָרע
פֿון דעמב. Uk/R: дуб

1925 " שטייען אַרבעטער |אין דער דובילנע=אַפּטיילונג|
אין גריבער מיט ריבליעס און אַכצנדיק שויפלען זיי 80
דעם פֿייכטן דוב פֿון גרוב אַרויס". פֿער, 40 נ׳, 76 ז׳ 22.

1932 " אין די ביטן מיט דוב= פליסיקייט זיינען פֿאַראַן
שווערפֿודיקע גרויסע פֿעל". א. קאהאן, 2, 180. 81

ד ו ב !! - דער, =עס. אײן שפּיל געמאַכט (אויסגעדויבעט) פֿון אײן קלאָץ, פֿון אײן גראָבן בוימשטאַם.

Ик: дуб

1957 " |...| אַלערלײ באַרשעס און בערלינעס, קלײנע פּױערישע 'קאַיוקעס' און גרויסע לאַנגע 'דובעס'". 81/1

ברוסילאָוו, 2, 176.

(?נ?) דובאַלאָם - אדוו. אויף די הינטערשטע פּיס געשטעלט

85 (וועגן פערד אָדער אַנדערע פירפיסיקע בעלי=חיים)" |קטוו|.

די האָר האָבן זיך אים געשטעלט דובאַלאַם". - די האָר האָבן זיך אויפגעשטעלט |קטוו|.

רעד: כ'מיין אַז דער אינפאָרמאַנט האָט דאָ פּשוט פאַרדרייט: ס'דאַרף זיין "דיבאַם" (ИЦ/R: дыбом)

ד ו ב י ל ט – אדי/אדוו. (עלט? פאַרגרייזט?) טאָפּלט.

1888 " בײַ זרחן איז דער ווײַן פֿון אייביק אָן צעטיילט

86 אויף דרײַ סאָרטן: דובילט, מיטעלע און פּראָסטע".

יכנהז, פער 74, נ"ז 278.

דובילטאָווע – אדי. דזוו דפּוו.

1900 " די דובילטאָווע |טעקסט: דובולטאָווע| פּענצטער

87 אַרויסגענומען, די שויבן אַרומגעוואַשן". ב. גארין, 33,4.

.....................................................

רעד: מסתמא דאַרף מען אַרויסרעדן און אויסלייגן: דובלט.

.....................................................

ם דובילט.

88 1867 " כפל א. כלכפל. דובילט". ס' דברי יושר.

ד ו ב י ל י ר ע ר - דער, =ס/מצ דז. |פּטמ?| יוּוועליר(ער).

1884 " ווילסטו זיך גלײַכן צו זיי, וואָס דײַן טאַטע

איז געווען אַ בעל=מלאכה, אַ דובילירער!". 89

ש. בערנשטיין, 1, 4.

רעד: איז עס טאַקע אַן עלטערע, פֿאָלקסטימלעכע פֿאָרמע

אָדער גאָר אַ גרײַז - פֿאָלקסטימלעך צי אומיסטן

דורכן מחבר?

(?נ?) דובילניע |ווייכער ל| - די, ס. (רוס, נא)

דאָס אַרט (כלי, אײַנריכטונג) וווּ מע גאַרבט פֿעלן אויף לעדער.

R: дубильня

1932 " דער זאַפּט האָט אויפֿגעהערט צו גייך איבער די רערן און נישט געקומען אין דער דובילניע".

א. קאהאן, 2, 118.

(?נ?) דוביל שטשיק |ווילער ל| - דער, =עס.(רוס, נא)

R: дубильщик

גארבער.

1925 " וואגאנעטקעס קומען אן, געשטופט פון הויכע דובילשטשיקעס, פולע מיט פעל פון זאלנע".

פער 40, נ' 76, ז' 22.

7=6

ד ו ב י נ ע - די, =ס. פקפ <u>דובינקע</u>. 1. אַ גראָבער [illegible]

שווערער שטעקן, אַ דרענגל, אַ פּלאָקן. % די גזלנים

זייַנען געווען באַוואָפנט מיט העק און <u>דובינעס</u>.

מע האָט אים געגעבן אַ זעץ מיט אַ <u>דובינע</u> איבערן קאָפּ.

R/Uk: дубина

1885 " |...| דעמאָלט, ווען די אייראָפּעישע פעלקער זענען

94 נאָך געגאַנגען האַלב נאַקעט |...| און מיט אַ <u>דובינע</u>

אין דער האַנט זיך אָפּצוזאָגן פון ווילדע חיות".

<u>פער 179, ז' 35</u>.

1908 " |...| ביז דער פּאָגראָמשטשיק האָט אים ענדלעך

95 פּאַרטיַיטשט: - מיט אַ <u>דובינע</u> איבערן מוח".

<u>ראָזענפעלד, 4, 94</u>.

1927 "|...| אז רוסלאנד האט שוין נישט איין ביקס,

96 און אז די זעלנער גייען אויפן פראנט מיט דובינעס".

זינגער, 4, 230.

1957 " אז מען דערלאנגט אים מיט א דובינע איבערן קאפ,

97 וואיעט ער". שעליובסקי, 3, 324.

2. (פיג, ביטול) א מענטש אן שכל, וואס באנעמט זייער

שווער. % דאס לערנען גמרא מיט אזא דובינע איז

אן ארויסגעווארפענע ארבעט, ער פארשטייט גארנישט.

1907 " אט, כדומה איז א ביישפיל,// וואס מען רופט זיך:

98 לומפ, נבלה,// דראנג, דובינע, איגנאראמוס,//

שארלאטאן, אומזיסטער עסער". יהואש, ליד, חלקלקות און

זמזומים".

1940 " אלע שיסן אויס א געלעכטער: - **דובינע**! גראבער

99 קאפ!". דרוקער, 1, 47.

3. דאס פאפולערע רוסישע פאלקסליד וועגן די אמאליקע

שיפשלעפערס אויף דער וואלגע.

1933 " אונדזער רוסישער פויער, ווען ער קען שוין ניט מער

100 פארציט ער אין נאכט זיין 'דובינע': 'עך דובינושקא,

אוכניעם'". אליעווסקי, 1, 51.

|| **דובינקע** - די, =ס. פקפ פון דובינע, ב' 1.

1870 " מיר ברויכן צו אזעלכע געשעפטן גאר פשוט קלעפ,

101 פעטש, **דובינקעס**, שטעקנס". י. גארמיזא, פער 177, נ' 21, ז' 154.

1909 " ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן נאָך דעם, איז

102 געווען געפֿאָרן צו אונדז |...| אַ גאַנץ פֿײַנע

קאָמפּאַניע, געקליבענע יונגען,|...| מיט דובינקעס

און מיט רעזינקעס |...|". שלום=עליכם, 39, 136.

1943 " זיי זײַנען געווען באַוואָפֿנט מיט קורצע שווערדלעך,

103 דובינקעס". אש, 14א, 318.

ד ו ב ל <u>I</u> - <u>דער, =ען</u>. אין דאָמינאָ - אַ שטיין וואָס
האָט איןביידע העלפטן די זעלבע צאָל אויגן.

% דער שפּילער וואָס האָט דעם <u>דובל</u> זעקס, הייבט אָן
די שפּיל.

ד ו ב ל II - דובלט I .

ד ו ב ל אָ וו ק ע |ווייער ל| - די, =ס. (סטאָלערײַ)
טאָפּל=הובל.

דובלאָן I - דער, =ען. 1. (עלט) טאָפּעלער דוקאַט, אַמאַליקע מטבע, האָט געהאַט $7\frac{1}{2}$ גראַם ריין גאָלד.

דובלונג ם

.1 <----

1664 " |...| מן העט איין פר בעטין זיא זאלין דש משפט
צו אין קומין לאזין אונ' כף דובלונג מיט ברענגין פֿר 126
אירה שכירות". כּתב-יד ווינער אוצר עליות-דם,
פֿילאָלאָגיע שריפֿטן III, 255.

ד ו ב ל אין !! - דער, =ען. "פוטער פון סארט" |מארקוב 172|.

(?נ?) ם|דובלאַנטע| ד ו ב ל נ ט א - בנב.

1756 " אונד זא גלייך פעם ושתים ושלש לשמה גשריבן

127 |...| דעם זעלבן בריב בייא גשלאסן להמדפיסים פרופס

בחותם דובלנטא". בריוו פון משולם מדפיס, ז' 411.

ד ו ב ל ט I - דער, =ן. (עלט) צוגאַב=פּענצטער, וואָס מע פּלעגט אַרײַנשטעלן אויף ווינטער.

1935 " זי האָט אַרויסגענומען די דובלטן פֿון אירע פּענצטער". קולבאַק, 9, 134. 135

ד ו ב ל ט II - דער, =ן. (סטאלעריי) מיך הובל,

דזוו פוצהובל | י. כץ, טערמ׳ פון סטאלעריי, לאנדו=בוך,

ווילנע, 1926, ז׳ 211.

1932 " פארווייטע זיינען די ווארשטאטן. ערגעץ אויף

137 א טיר ליגט א דובלט מיט אן ארויסגעשלונגענער

סטרוזשקע. ~~"יידענע לעבטע"~~. ש. ריווקין, פער188, נ׳10-11.

ד ו ב ל ט !!! - אַדי/אַדוו. (עלט?) טאָפּלט.

... " ער וועט מיט דער צײַט יעדער זאַך האָבן איין

130 דובלט |טעקסט: דובעלט|. דיק, |ווו?|.

דובלט=הובל - דער, =ס/=ען. (סטאָלערײַ) מין הובל 0

134 |פֿינקעל, 1, 56, געטײַטשט פֿון רוסיש: [рубанок двойной

דובלט=פֿענצטער - דאָס, מצ דז. (עלט) צוגאָב=פֿענצטער,

וואָס מע פֿלעגט אַרײַנשטעלן אויף ווינטער.

" פֿון הימל האָט |...| אַ שפּריץ געטאָן איבער 1931

131 די דובלט=פֿענצטער מיט אומגעריכטער וועסנע".

קולבאַק, 8, 45.

דובלטשויב - די, =ן. דזוו דפוו.

... " ריי̱סט דער ווינט די דובלטשויבן,// ווו דער

132 טא̱טע קוקט געהויבן". ליעסין, ווו? | .

דובלט. ◻

1767 " שנה ב. שני ומשני. צווייטה. דובלט".

138 ס' דברי יושר.

ד ו ב ( ע ~~ל~~ ) ל ט ו, וו ק ע - <u>די, =ס.</u> 1. צווייערריקע ביקס.

% דער יעגער גייט אויף געיעג מיט א דובעלטו-ווקע.

P: dubeltówka

139 2. (<u>גלש</u>) א כלי צו עפענען א טירשלאס<u>|י. טריוואקס, פער33, 162|</u>.

ד ו ב ל י אַ ק - <u>דער, =עס</u>. "איך דאָמינאָ=שפּיל, דער שטיין מיט אַ טאָפּלטער צאָל אויגן" |קטוו|. 144

רעד: ביי אונדז פּלעגט מען זאָגן: "דובל". ש.פּ.

ד ו ב ל י אַ ר - דער, =ן, פֿפֿ דובלירער. צווייטער שפּילער לויט דער ריי אין דער זעלבער ראָלע אין א טעאַטער=פֿאַרשטעלונג. % דער דובליאַר האָט געשפּילט האַמלעטן ניט ערגער פֿון הויפּטאַקטיאָר.

R: дублёр

(?נ?) ד ו ב ל י ן ( ע - ר ) - אדי. בנב.

... " דער גוי, דער פּורמאַן, אין אַ ברוינעם פּעלץ

146 מיט אַ דובלינעם קאָלנער און אַ קאַשקעטל אויפֿן קאָפּ".

ווייסענבערג, פער 185א.

רעד: 1) קאָזיין דובלט= דאַפּלט=טאָפּלט.

2) דובלט=געדובלעוועט = געגאַרבט פון רוסישן

האָבער ווי קומט ווייסענבערג צו רוסיש?

(?נ?) ד ו ב ל י ע - די, |?ס=|. (רעג. פראנקרייך)

147 "פֿאדשעווקע=שטאַף"|קטוור|.

רעד: דער זאמלער גיט אָן אַן עטימאָלאָגיע פֿון פֿראנצייזשן
. Doublure

ד ו ב ל י ע י ע ן - ----> דובליעווען.

ד ו ב ל י צ י ר ן  - טרוו. דזוו דופּליקירן/דובלירן.

1972 " כ'ווייס נישט, למשל, צוליב וואָס מ'האָט

געדאַרפט דובליצירן די שוישפּילער מיט אַליאַלקעס".

ב. פּרימער. פער 109ב, IV /28.

ד ו ב ל י ק אַ ט - דער, =ן. 1. קאָפּיע פון דאָקומענט.

% ער האָט פאַרלוירן דעם פּאַספּאָרט, דאַרף ער קריגן

א דובליקאַט.

2. (ספּעצ) קאָמערציעל=פינאַנציעלע דאָקומענט, געגנויער בנב.

|זען ציטאַטע|.

1922 " דיסקאָנטירנדיק א דובליקאַט, ווערט שוין די

ליי=און שפּאַרקאַסע א בעל=הבית אויף |דער| סחורה. 150

דער וואָס האָט באַקומען די הלוואה, ענטפערט נאָר

מיטן משכון, ד"ה, מיט דער סחורה פון דובליקאַט".

ב. האַלפּערן, 1, 29.

דובליקאַטור - די, בא. 1. דאָס מאַכן דובליקאַטן,

2. דאָס דובליקירן.

ד ו ב ל י ק אַ צ י ע – <u>די, =ס.</u> אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון דובליקירן.

ד ו ב ל י ק י ר ן - דזוו דופּליקירן.

59/1

דובלירן - טרוו. 1. (טעאטער) שפּילן די זעלבע ראָלע וואָס אַן אַנדער אַקטיאָר (לויט דער ריי אָדער ווי אַ פאַרבייטער) אין דער אייגענער פאָרשטעלונג.

1963 " די ראָל ~~פון~~ 'סאָניע' איז אויך דובלירט געוואָרן פון דיינע | ? | פיינמאַן ". ז. זילבערצווייג. פער 110ד, 2499. 156

2. אין קאָרטנשפּיל: דאָס טאָפּלען די איינגעשטעלטע סומע.

3. איבערחזרן אַן אַרבעט דאָס צווייטע מאָל אָדער אויספירן די פּאַראַלעל און אומאָפּהענגיק פון אַ צווייטן, טאָן דאָס אייגענע וואָס יענער. % ביידע אינסטיטוציעס דובלירן פאַקטיש די אייגענע אַקטיוויטעטן.

~~100~~ -די

59/2

4. אין פּילם=פּראָדוקציע; דאָס פאַרבייטן דעם קלאַנגטייל אויף אַ צווייטן אין אַן אַנדער שפּראַך. % דער פּילם איז גערעדט אין ענגליש און מע האָט אים דובלירט אין יידיש.

5. (דרוקערייַ) דרוקן אין צוויי פאַרבן |מאַרק=וויב 1682|

6. (רעג, פראַנקרייַך) אייַננייען פּאָדשעווקע |קטור|.

דובלירונג - די, =ען. אַקט אָדער רעזולטאַט פון דובלירן.

1965 " |...| אין דער אמתן איז נישטאָ קיין באַרעכטיקונג פאַר אָט דער דובלירונג ". ב.צ.ג|אלדבערג|, פער 7/II,69. 156/1

דובלירער - דער, =ס. דער וואָס דובלירט, אַלע בב.

ד ו ב ל ע ו ע ן – <u>טרוו</u>. איינער פון די ארבעט=פראצעסן

ביים מאכן א שוך, געניער <u>בנב</u> |<u>סטוטש 527</u>|.

ד ו ב ל ע ט - דער, =ן. 1. צווייטער אידענטישער עקזעמפלאַר פֿון א זאַך. % אין דער ביבליאָטעק זיינען דאָ עטלעכע דובלעטן פֿון 'טביה דעם מילכיקן'.

2. אַמעכטער צירונגשטיין באַשטייט פֿון צונויפֿגעקלעפּטע צוויי טיילן, און נאָר דער אייבערשטער איז אַן עכטער שטיין.

3. מין אַזאַרטשפּיל |סטוטש| 516, גענויער בנב.

1967 " |...| ער האָט בכיוון אונטערגעשטעלט די פּאַרטנערן באַלן |ביים ביליאַרד=שפּיל| נעבן סאַמע לאָך, און אַליין זיי דערקלאַפּט |...| דורכן באָרט פֿון האַנט, מיט דובלעטן". 169/1
קאַרפּינאָוויטש, 1.

0 דובלעטטיילן - די, מצ. רעזערוווטיילן |פֿינקעל, 23,1|.

רעד: פֿינקעל טייטשט עס פֿון רוסיש.

ד ו ב נ י אָ ק I - דער, =עס. אַ וואלד פון דעמבעס.

% דער וואַלד איז אַ דובניאַק, אבער חוץ דעמבעס וואַרפן זיך דורך וו. ניט ווו. עטלעכע בעריאָזעס אויך.

(?נ?) ד ו ב נ י א׳ק !! - דער, בא. מיך בראַנפּן.

1936 " האָט גאַלצעוו |...| אויסגעטרונקען אַ פּלעשעלע
דובניאַק". איבן אַנ, דער מענטש בייט די הויט.

.........................................................

רעד: ניטאָ אַזאַ וואָרט ניט אין רוסיש ניט אין
אוקראַיניש! אין פּויליש איז דאָך בכלל
dębniak - dąb

.........................................................

ד ו ב נ י ע – די, ס=. (סל) 1. א גרויסער הילצערנער האמער (פלעגט ווערן גענוצט דורך פויערים צו פארטויבן חזירים, בהמות פארן קוילען).

ик: дубня; В: доубня/даубня

% "אלעקסע האט אויפגעהויבן די דובניע, האט זי

181 אראפגעלאזט דעם חזיר איבערן קאפ און האט אפילו קיין

פינטל נישט געטאן מיט אן אויג"|קטוו|.

180 (?נ?) 2. "א פלאק מיט א גראבן עק"|קטוו, זשטעלעסין,וור|.

............................................................

רעד: מסופק אין טלעסינס אויטענטיש, טאקע ווייל

ער גיט אן דעם מקור פון ווייסרוסישן даубня

אבער דער ווייסרוסישער ווערטערבוך גיט אויך אן

דעם טייטש: האמער.

מיגלעך אז טעלעסין האט דא פארפלאנטערט מיט

"דובינע".

............................................................

ד ו ב נ י ק - דער, =עס. אַ וואַלד פֿון דעמבעס. (?נ?)

177 1956 " אין דובניק, נאָכן בעראַזע=ווערדל, האָט מען געפֿונען
אַ הרוג". סיימאַן, 2, 90.

רעד: זייער מיגלעך, אַז ס'איז פֿאַרגרייזט (שלעכט
געהערט?) פֿון "דובניאַק". קיין וואָרט дубник
איז ניטאָ ניט אין רוסיש ניט אין אוקראַיניש.
דאָ נאָר צוויי ציטאַטן מיט דעם וואָרט, פֿון דעם
זעלבן מחבר!

65 - ד*

(??נ) ד ו ב נ ע - נאמען פון א שטאט אין וואלין (ик: Дубно)

דובנער מגיד |מאגיד| - דער נאמען מיט וועלכן ס'איז אין דער יידישער וועלט באקאנט דער בארימטער בעל=דרשן יעקב קראנץ (1741 - 1804), געבוירן אין דער ליטע, אבער ~~ער האט~~ א לאנגע צייט געלעבט אין דער שטאט דובנע.

1951 " פון ליטע שטאמט דער קלאסיקער פון די מגידים, וואס האט געווירקט אין ווילנע אין די צייטן פון |ווילנער|גאון - דער דובנער מגיד". ביאלאסטאצקי, פער 106, 1214. 183

1961 " דער דובנער מגיד, ער איז געווען דער דרשן נפלא און דער גרויסער מוכיח". י. י. טרונק. פער 69, X/23. 184

<u>שרעקן ווי דער דובנער מגיד</u> - זאָגן שאַרפּע שטראָפּרייד.

<u>ער דאַרף האָבן אַמענטשן ווי דער דובנער טײַך</u> - וועגן

א מענטשן וואָס מוז האָבן מענטשן לעבן זיך, קען זיך

ניט באַגיין אָן געזעלשאַפט.

(?נ?) ד ו ב ע I - די, =ס. גוט, מאַיאָנטעק, ערדבאַזיץ.

1883 " דער סוד |=געריכט| האָט געלאָזט פאַרקויפן זיין

188 דובע (מאַיאָנטעק) פאַר 1700 רו"כ און מע האָט די

צוויי קרעדיטאָרן אויסגעצאָלט". פער 74, נ' 39, ז' 607.

.................................................

רעד: איך קיין שום ווערטערבוך פון סלאַווישע

שפּראַכן אויך ניט איך דייטש ניטאָ אזא וואָרט.

פון וואַנען קאָן עס שטאַמען?

.................................................

(?נ?) 189 - 190 דובע II - די, =ס. (רעג, רומעניע) "פארמאכטער אויטאמאביל פאר ארעסטאנטן" |קטוור|.

% "מ'האט אים פארנומען אין דובע. ער זיצט שוין אין דובע" |קטוור|.

Rum: dubă

ד ו ב ע ל I - דער, =ס. (טערמ, שוסטערײַ) בנב.

I/ ארומלאָזן דעם דובעל - פּראָצעס אין שוסטערײַ=ארבעט

|סטוטש 527|, געניוער בנב.

(?נ?) דובעל - אדי. "שטארק, סאָליד, שווער (דאָס וואָרט ווערט געוויינלעך באַנוצט בנוגע הילצערנע זאַכן)". [קטוו]

% "די שאַפע האָט קיין מאָל ניט געקרענקט |?!| - זי איז געמאַכט פון דובעלן האָלץ". [קטוו]

|נ. הייקין, פער 89, נ׳ 7|.

רעד: מסתמא איז עס דאָס זעלבע וואָס דובל= טאָפּלט.

דער אינפֿאָרמאַנט איז פֿון ניעזשין - באָרזנא.

און ס׳מיינט אפשר טאָפּל האָלץ, האָלץ אין צוויי שיכטן.

ד ו ב ע ל ט א ו ו ע - אדי. (עלט) טאפלט.

% דובעלטאווע פענצטער.

ם 1795 " ספאסאב צו מאכין |...| דובעלטאווי בראנפין

אוך ליקער". איין ביכל וואש |...|, ז' 3.

(?נ?) ד ו ב ע ל י ר ע ר - דער, =ס. (עלט, פּטמ),
יובעליר(ער)|סטוטש 529|.

רעד: כ'מיין אַז ס'איז סתם אַ פֿאַרגרייזונג און
ניט קיין פֿאָלקסטימלעכע פֿאַרמע, ~~אנגענומען~~.

ד ו ב ע ל ס – דער, |=ן?|. בנב.

1934 " זיעמיט האט פֿארלייגט די האנט אונטערן **דובעלס**

195 פֿון זייַן שינעל". ברעגמאַן, 2, 127.

ד ר ב ע ן - טרוו. (גאַרבעריי) פֿאַרשיטן די פֿעל מיט
דובאַ (קאָרע פֿון דעמב); גאַרבן. R: дубить/Uк: дубити

1935 " געווען אַלטע גאַרבער |...| וואָס האָבן אַ גאַנץ
196 לעבן געוווּסט, אַז נאָר זייערע גלידער זײַנען באַשטימט
אויף צו דובען פֿעל". קולבאַק, 205,9 |265?|.

1972 " |...| די רימענע פֿאַרטעכער - האַרטע ווי בלעך,//
197 זיי זײַנען געדובעט מיט פֿײַער און פֿעך".
טעלעסין, 1, 231.

ם דוב(ע)ן - אדון. אויבן, דאָ אויבן.

Mhd: doben (dâ oben)

1544 " אופן וואר וויל איך דיך לובן בור דען בולקרן

200 אלי// איך דיינם הימיל דובן איך לוב דיך גוט מיט שאל".

שמואל=בוך. סטר' 1736.

ד ו ב ר |דוּיוּוּער| - דער. =ים. |דוּיוּוּרים|. דער וואָס

רעדט, זאָגט, געווייַנטלעך געניצט אין פֿאַרבינדונגען:

O <u>דובר=אמת</u> |~ עמעס| - אַן אמת=זאָגער, אַ מענטש פֿון

אמת.

<u>דובר=שקרים</u> |~ שקאָרים| - אַ ליגנער.

ר <u>דעם דובר=שקרימס אייניקל</u> - (איר) וועגן איינעם

וואָס באַרימט זיך מיט ייִחוס, וואָס ער האָט ניט.

דוגמא ‎|דוגמע|‎ -די, =ות/דוגמות [דוגמאָעס/דוגמעס].

1. עפּעס/עמעץ וואָס דינט/קאָן דינען ווי אַ מוסטער נאָכצומאַכן, צו זײַן/טאָן דאָס זעלבע. % דער תּלמיד איז אַ דוגמא פֿון גוטער אויפֿפֿירונג. נעמען ווי/פֿאַר אַ דוגמא. די דירה איז נאָר אַ דוגמא ווי אַזוי די וווינונגען וועלן זײַן געבויט.

208 1963 " ‎|...|‎ אַ דוגמא פֿון אַ ווײַב". מ.מ. שאַפּיר, 1,166.

2. אַ פּרט=פֿאַל (פֿאַקט, זאַך, טוּונג, דערשײַנונג), װאָס אילוסטרירט, באַשטעטיקט עפּעס, איז אַ ראיה פֿאַר עפּעס; בײַשפּיל. % דער רעדנער האָט געבראַכט אַ סך דוגמות צו באַפֿעסטיקן זײַן מיינונג. איך וויל דאָס אײַך דערקלערן מיט אַ דוגמא.

1973 " מיר ווילן זיך אָפּשטעלן בלויז אויף א דוגמא,
וואָס קומט פֿיר אין זייִנס |ביאַליקס| אַ קינדערלידל". 209
ד. סדן, פּער 38, נ' 78, ז' 205.

|| לדוגמא |לעדוגמע| - אַדוו. צום בײַשפּיל, אַ שטײַגער,
למשל. % א סך סובסטאַנטיוון האָבן אַ קלאַנגענבײַיט
אין דער מערצאָל לדוגמא: קאַפּ - קעפּ, פֿויגל- פֿייגל.

79/1

102

-דו

1/209(?נ?)  ד ו ג ב א ר י ס |דער? =ן?| "אַ זשעדנער מענטש"|קטור|.

רעד: מסתמא פון ליטוויש. עטימ?

(?נ?) ד ו ג נ ע - <u>די, =ס.</u> (<u>רעג, ליטע</u>) "דער דעק פֿון אַ וואָגן" |<u>קטוור</u>|.

<u>רעד:</u> דער אינפֿאָרמאַנט גיט אויך אָן אַן עטימאָלאָגיע פֿון ליטוויש:

Lit.: dugnas

מע דאַרף נאָכזען.

ד ו ג ע - ----← <u>דוהע</u>.

(?בן?) ד ו ג ר י - אדוו. (רעג, ישראל) "אפנהארציק, וואס

222 געמיינט דאס געזאגט, אך הינטער=כוונות"|קטוור|.

..............................................

רעד:(געניצט דורך די סאברעס אין עברית, גענומען

פון אראביש.)

ווערט עס טאקע געניצט אין יידיש?דורך וועמען?

..............................................

(?נ?) ד ו ד |דאָוויד| – ייִדישער מאַנצבילישער נאָמען.

O דוד המלך |~| האַמעלעך| – דער צווייטער קיניג פֿון דער ייִדישער מלוכה, נאָך שאולן, XI י"ה פֿאַר דער קריסט' צײַט=רעכענונג). גרינדער פֿון אַ דינאַסטיע וואָס האָט געקיניגט אַרום 500 יאָר.

D דוד המלכּס אייוועלע – (אײַפֿעם, פּטמ) אַ פּלגש, אַ יונגע געליבטע (אַן אַלוזיע צו דער תּנכישער אבישג השונמית, וואָס האָט דערוואַרעמט דעם קיניג דוד אין זײַנע עלטערע יאָרן).

דודס סוכּה |סוקע| – דאָס ייִדישע פֿאָלק.

<u>דוד המלכס סעודה</u> | = סעודע| - די סעודה ביי יידן שבת צו נאכטס, נאך דער הבדלה; די מלווה=מלכה. (אין תלמוד מסכת שבת, ל, ווערט דערציילט, אז דוד המלך האט געבעטן גאט, ער זאל אים זאגן אין וועלכן טאג ער וועט שטארבן, האט אים גאט נאר געזאגט, אז שבת. פון דמאלט אן ווי נאר דער שבת איז דורכגעגאנגען בשלום פלעגט דוד המלך מאכן א גרויסע סעודה).

(?נ?) דודאים |דודאים| - די, מצ. תנך=נאָמען פֿון אַ געוויקס, (ווסנ(mandragona Officinalis; איך יענע צייטן האָט מען געהאַלטן אַז דאָס געוויקס איז אַ סגולה צו פּריה-ורביה.

1912 " ער לערנט מיט איר אַ סקלא, פֿון הלל, הודו, אָנא... // און זי שענקט אים אַ מתנה...// איר ווייסט וואָס? חמורים, פּראים!// דעם שיינעם שׂכר פֿון די דודאים". חגלה |...| 14,1. 223

1679 " אונ' רובן גינג אויז צו דר צייט דש ווייצן שניידינש אונ' פאנד (דודאים וועלכיש מיר טייטשן פייאליך אויף דעם פעלד |...|". בליץ, בראשית, ל - יד.

רעד: איך מיין, אַז מע דאַרף ניט דאָס וואָרט, ס'איז
א ספק צי ס'איז געניצט געוואָרן אין יידיש(א ראיה ,
אַז אויך בליץ פּאַרטיייטשט עס) און דער מקור פון יידיש!!
איז אויך בספק גדול:

237 (?נ?) ד ו ד ל - דער, = |ס?| " א זידלוואָרט פאַר א נאַר" |קטוו|.

דודלזאַק - <u>דער, = ~ זעק.</u> <u>(עלט)</u> אַן אַמאַליקער
מוזיקאַלישער לאַז=אינסטרומענט, באַשטאַנען פֿון אַ לופֿטזאַק
און צוויי אָדער מער רערלעך מיט לכלעך, ווי ביי אַ
פֿלייט; דודע.

1938 " אַ גרויסע זשאַבע, וואָס בלאָזט פֿון איר גאַרגל,
ווי פֿון אַ דודלזאַק, אַ מאָדנע אײַנטאָניקן ניגון". 238
שניאָר, 3, 265.

1957 " |...| אַן אַלטע ייִדענע, אַ ברוינע ווי באַקסער,
מיט אַ האָרב, וואָס איז געווען ווי אַ דודלזאַק 239
די גרויס". רויזענבלאַט, 8, 176.

1957 " די כלי=זמר האָבן אַרויסגענומען פֿון די פֿוטליאַרעס
די פֿידלען, די צימבלען, דעם דודלזאַק". 240
פֿער 155, V / 19.

(?נ?) ד ו ד ל ע ן - אוטוו. (דטשמ) 1. "זינגען אָדער שפּילן שלעכט, אויך וועגן זינגען אָדער שפּילן לאַנג, פֿאַרמאַטערנדיק" |קטוו|.

D: dudeln; P: dudlić

2. "שיכורן" |קטוו|.

3. "אָפּנאַרן, שווינדלען" |קטוו|.

4. שפּילן אויף אַ דודע.

... " געדרענג, געשפּאַר, געאייל, געווימל, //געשריי, געוואַי, געפּרודל - געשטרעקט זיך און געמענטשלט זיך// און אויף אַ דודעלע געדודלט". ע. קאַרמאַן |?|. 240/1

> רעד: מע דאַרף זוכן אין קאַרמאַנס אַנטאָלאָגיעס צו זען וועמעס איז דאָס ליד, און אפשר איז דאָס זײַנע אַן אייגענע שאַפונג. מיר האָבן דאָ נישט קיין זאַך זײַנע.

|| **דודלער** – דער. =ס. (דטשמ) "דער וואָס דודלט" |קטוו|.

רעד: מע דאַרף אָפּשר ניט געבן דאָס וואָרט, אין די באַטייטן 1 – 3. ניטאָ קיין שום ליטעראַרישע מקורים, אַז מע זאָל טאַקע האָבן געניצט דאָס וואָרט, אַפֿילו אין דײַטשמערישן זינען.

און אָפּשר האָט דער אינפֿאָרמאַנט גענומען דווקא פֿון פּויליש?! אויך אין פּויליש זײַנען דאָ אַלע באַטײַטן.

ד ו ד ל = פֿ ו י ג ל - דער, ~ פֿייגל. (זאאל)

זגאל פֿויגל |סטוטש 247|.

דודע - די, ס. 1. דזוו דודלזאַק.

1889 " דודע איז אַ דודלזאַק, אַ זאַקפּײַף |טעקסט: זאַקפּײַפּע|

249 וואָס די בערן=טרײַבער |...| פֿלעגן זיך דערמיט

אומטראָגן צו פּײַפֿן, בלאָזן מיט דעם בשעת דער בער

טאַנצט; עס איז געמאַכט פֿון פֿעל, ווי אַ קײַלעכיק פֿעסל".

מ. גאָרדאָן, 2, 84.

2. אַ פּאַסטעך=פּײַפֿל.

1895 " אַזאַ |...| דודע געפֿינט איר ניט בײַ קיין

250 איינציקן פּאַסטעך אין גאַנץ אוקראַיִנע |...|".

איבז אנ, דער בלינדער מוזיקאַנט, פּער 20, נ׳6, ז׳43.

... " אַ דודע צעשפּילט זיך אין ווינקל". סוצקעווער, , 493. ?

1953 " מײַן דודע איז נאָך דודע, // און איך בין אַ ייִד, //
אָון דאַוונען בײַם ירדן, // מײַן פּשוטע ליד". 252

י. פֿרידמאַן, 1, 6.

....................................................

רעד: ס'קאָן אויך זײַן, אַז די צוויי ציטאַטן האָבן
אַ שייכות צום ערשטן באַטײַט...

....................................................

|| דודעלע - דאָס, =ך. 1. פּקפּ פֿון דודע, ב' 2.

2. דאָס לבֿד וועגן/פֿון ר' לוי=יצחק באַרדיטשעווער.

... " רבונו=של=עולם! כ'וועל דיר אַ דודעלע זינגען". פּל.

1961 " |...| און רבי לוי פֿון בערדיטשעוו מיט זײַן
'דודעלע'= ליד". א. גילנער, פֿער 69, XII /24.

0 דודעזאק - דער, ~ זעק. דזוו דודע, ב 1.

ס'האט א האפט, ווי א בלאז פון א דודע - ס'האט גאר קיין האפט, קיין ממשות ניט, ס'געדויערט ניט לאנג.

פוסטע דודעס - ווערגן רייד וואס האבן קיין ממשות ניט, קיין וויכטיקן באטייט.

ס'גייט אים ווי פון פאכאמס דודע - עס גייט אים נישט, ער האט ניט קיין מזל.

האלטן זיך מיט דער דודע - האבן א זאך פון וועלכער מע וויל פטור ווערן און מע קאן נישט, מוזן ליידן פון א צרה.

פון דער חופה צו דער סעודה האלט זיך, האלט זיך מיט דער דודע - דזוו דפוו.

1887 " איי ניקע אבאנענטן פון 'המליץ' האבן אויסגעשריבן

דאס ווערק, און ווייטער האלט זיך דער מחבר מיט דער דודע 260

און איז צופרידן נאר דערמיט". פער 74, נ' 12, ז'180.

- פאר וואס פייפט דער דלות? ווייל ער האט נאר א דודע

שפאסיקע פאלקסטימלעכע דערקלערונג פון דעם אויסדרוק

" עס פייפט דער דלות" (ס'איז א גרויסע ארעמקייט).

ד ו ד ע ן - אוטוו. שפּילן אויף א דודע/דודקע.

1940 " עס דודעט א דודקע, א ווינטל הוידעט די ביימער
263 און וועקט די זאנגען". דרוקער, 1, 4.

1955 " ער דודעט צום שײַער // א תיקון דעם אַקער".
264 לייוויק, 11, 154.

|| דודער - דער, =ס. דער וואָס שפּילט אויף א דודע.

1929 " איך, דער דודער פון רײַסן... דו - דו - דו".
266 קולבאק, 4, 25.

(?נ?) ם |דודעק| ד ו ד ק - |דער?| אַ ייִדישע תּפיסה פֿון דער

קהילה אין קראַקע.

1595 " האט ער קיין קצבה און' וואינט ניט אין צדקה הײ

267 הייזר דא זול אין דער פ"ה לאזין תפסין בדודק".

קראַקעווער קהלה=תּקנות.

רעד: אפשר דאַרף מען גאָר לייענען "דאַדעק"?

דער אויסטייטש איז פֿון קאַרטל.

דודקע - די, =ס. (סל) פּײַפּל. % דער פּאַסטעך שפּילט אויף אַ דודקע.

P: dudka; Uk/R: дудка

1934 " אַ צוויי=דרײַ שפּיל געטאָן אויף זײַן דודקע ".

268 מ.ל. האַלפּערן, 4, 263.

טאַנצן נאָך/לויט עמעצנס דודקע - טאָן אַלץ וואָס יענער הייסט, אַלץ וואָס יענער זאָגט; נאָכזאָגן.

1870 " אַזאַ ניכטס |=אַ גאַרנישט| זאָל זײ טרעפן אין זײער שוואַכער סטרונע, זײ זאָלן טאַנצן נאָך זײַן דודקע".

269 ארז, פער 177, נ' 35, ז' 263.

1968 " ער וועט ניט טאַנצן נאָך ר' הירשע גאָרדאָנס דודקע".

270 גראַדע, צמח אַטלאַס |באַנד? זײַט?|

די סחורה איז ניט ווערט קיין צעטרענטע דודקע - "ס'איז ניט ווערט גאָרניט"|קטוו, מיזרח=גאַליציע|. 271

גיב מיך אָן אין מיראָוואָיא דודקע - "קאָנסט מיך אָנקלאָגן אין געריכט, ד"ה איך האָב פֿאַר דיר קיין מורא ניט".

|קטוו, ווילנע|.

דודקי [דודקעס] ! (וואָר: דודקי בראַט!) אויסרוף: ס'וועט ניט גיין! ס'קאָן ניט זיין! דאָס ניט!

1957 " ווען מע פֿאָרט אַרויס |מיט דער באַן| ווייס מען צו דער סעקונדע. אָבער ווען אָנקומען? 'דודקי בראַט!". 274

סיימאָן, פּער 68, 27/XII.

(? נ ?)

דודקע(ס) - ~~די, מצ.~~ דמ. (רעג, ליטע) מין שמאַלע הויזן.

1967 " ער איז געקומען צו קרובים אויף שניפּעשיק אין

אַ פּאָר אַמעריקאַנער שמאָלע דודקעס". קאַרפּינאָוויטש, 1.

דוהע - די, =ס. פּפּ דוגע. (סל) טייל פון א פערדגעשפּאַן – א קיילעכיק שטיק האָלץ, אויסגעבויגן ווי א פּאָדקאָווע, מיט וועלכן מע פֿאַרפֿעסטיקט די האַלאַבליעס פון וואָגן צום כאָמעט, וואָס אויפֿן האַלדז פון פערד. % דער בעל=עגלה בינדט צו די דוהע מיט רימענס צום כאָמעט.

B/uk: дуга́

1909 " ביי דער וואַנט ליגן אַלטע האַלאַבליעס, צעבראָכענע
217 אַקסן, דוגעס". פּינסקי, 9, 67.

1936 " שמעון |...| גייט אום צווישן אַלע פורלעך,
281 פֿאַרריכט ביי דעם |פערד| די סופּאָניע, ביי יענעם די
שלייע, די דוהע". מ. אַלבערטאָן, פער 35, ז' 83.

1957 " דעם באַזונדערן קלונג פון זיינע |...| גלעקלעך
282 אונטער דער דוהע, קען מען אין גאַנצן שקלאָווו".
שניאור, 13, 76.

דוואַיאַק – דער, =עס. (פּויל) אַ ליימענער צווילינגטאָפּ מיט אַן אויער אין מיטן, וואָס פֿאַראייניקט ביידע טיילן.

% דאָס עסן האָט מען געבראַכט אין אַ דוואַיאַק, אין איין זײַט די זופּ, אין דער צווייטער דאָס פֿלייש.

p: dwojak

1926 " פּויערטעס מיט ליימענע 'דוואַיאַקעס' עסן זענען אונטערגעקומען |...|". אָפּאַטאַשו, 8, 95.

2

308

(?נ?) דוא̠ י ק ע - די, =ס. (רוס, נא) שלעכטער צייכן (באל), וואס מע שטעלט א שילער פאר ניט קענען דעם געלערנטן מאטעריאל.

R: двойка

1882 " נאך אלע מעשיות פוילט זיך מיין זון ניט צו באקומען קרוגלע |=קיילעכיקע| דוואיקעס נאך מיט עפעס". פער, 74, נ' 41, ז' 625. 314

(?נ?) ד ו אַ ס י ש ק ע - די, =ס. (רעג, ליטע, איר)

317 "אַ היי‌ליקע" | קטוו. % פֿי מאַפּע זיך פֿאַר אַ "דוואַסישקע"

Lit: dvasiškas

[קדטוו].

רעד: אויסטייטש, און עטימאָלאָגיע פֿון קאַרטל.

318 (?ב?) ד ו א צ ( ע - ד ) - אדי. (רעג, ליטע) "משוגע(נער)" |קטור|.

Lit: dvasia

רעד:דער אויסטייטש און עטימאלאגיע - פון קארטל.

(?נ?) דוואַראַוואַי - דער, =עס. (רוס, נא)

הויזוועכטער, פּאַרטיער.

1866 "עס האָט זיך מיר פֿאַרגלוסט אַרייַנגייַן אין

321 גאָרטן, דער דוואַראַוואַי האָט מיר ערלויבט".

פּער 177, נ' 40, 608.

.................................................................

רעד: דעם אויסטייַטש געגעבן לויטן זינען פֿון

דער ציטאַטע, אָבער אין רוסיש האָט דאָס וואָרט אַן

אַנדער באַטייַט: איינער פֿון די לייַב=אייגענע

הויפֿדינער בייַ אַ פּריץ: дворовой.

.................................................................

דוואַריאַן (ין) - דער, =עס. (רוס, נאַ) אַדלמאַן.

R: дворянин

1862 "מען האָט פאַרגעסן דעם בילוק צווישן ייִדן און גוי, צווישן סוחר, טשינאָווניק, אַפּיצער אָדער דוואַריאַן". 322

פער 177, נ׳ 4, ז׳ 77.

1939 "אויפגעקליבן האָבן זיך די דוואַריאַנעס מיט די צאַרסקע לייט |...|". 323

פער 42, 12.

1957 "דער רוסישער סענאַט האָט |...| געגלייבט די 'דוואַריאַנעס'. |...| די פראַגע וועגן פויערישער 324 קנעכטשאַפט האָט מען דאַן ניט געטאָרט באַריִרן".

ה. צייטלין, 1, 144.

|| דוואַריאַנסטווע - די, בא. דער כלל אַדללייט.

R: дворянство

1865 " האָבן זיך צוזאַמענגענומען |...| די קינדער פון די פּרעדוואָדיטעלעס |=אַנפירערס, רעפּרעזענטאַנטן| פון דער דוואָריאַנסטווע |...| מען זאָל פאַרשטעלן טעאַטער און טאַנצן". פער 177, נ' 10, ז' 153. 327

דוואָריאַנקע - די, =ס. פרוי פון אַן אדלמאַן.

R: дворянка

1867 " די אויסזיכט א דוואָריאַנקע צו זײַן |...| וואַלטן אויף איר געדאַרפט אײַן אײַנפלוס האָבן". פער 177, נ' 36, ז' 278. 332

דוואָריאַנסקע - אדי. פון/פאַר דוואָריאַן(עס), שייכדיק צו דוואָריאַן.

1870 " ביי דער באָד איז אויך דאָ א באַזונדערער דוואָריאַנסקע אַטדעליעניע |=אָפּטייל|". פער 177, נ' 40, ז' 299. 330

107 דו/

1910 " |...| און טאקע ביי עמלקן אליין שפּיל איך אין

331 קארטן אין דוואריאנסקען קלוב". פּרוג, 3, 84.

108

(?ב?) דוואָרניאַ – די, באַ. (עלט, רוס, נאַ) די ליבאַייגענע פון אַ פריץ וואָס באַדינען דעם הויף.

1958 " וואַניאַ איז געווען אַ יאָר אַכט אַלט, ווען דער

335 פּירשט האָט די קאַליאַסין=פאַמיליע אין איינעם מיט זיין גאַנצער 'דוואָרניאַ' (הויזדינער) באַפרייט פון פּאַנשטשינע". ברוסילאָוו, פער 38, נ' 29, ז' 86.

(?נ?) דוואָרניאַגע / דוואָרניאַזשקע - די, = ס.

אַ הויפּהונט, אַ פּשוטער, ניט ראַסאָווער הונט.

R: дворняга / дворняжка

1888 " אַזעלכע מענטשלעלעך, אַז זיי קומען אין דער

פרעמד, זענען זיי ווי דוואָרניאַזשקעס, וואס מען

טרייבט זיי אַראָפּ פון זייער מיסט". צ. רעצקער,

פּער 74, נ' 1, ז' 15.

**ד וו אַ ר נ י ק** - דער, =עס. (רוסיש) הויזוועכטער, פּאַרטיער.

R: дворник.

1868 " דערנאָך האָב איך מיך דערקענט מיט דוואַרניקעס
338 פון גרויסע הײַזער, האָב איך שוין אָנגעהויבן צו
פּאַרדינען". יואל פאַלקאָוויטש, 1, 29.

1929 " ער האָט ניט געהערט , ווי אַזוי דער דוואַרניק
339 האָט אים משלח געווען פון די טרעפּ". טײַטש, 10,3.

1956 " און דוואַרניקעס, אין ווײַסע פאַרטעכער פאַרפּוצט,//
340 געקראַצט האָבן דעם ברוק". מאַרקיש, 10, 228.

(?ן?)

דוואָרעץ - דער, |=ן?|. (רוס, נא) אַ פּאַלאַץ, אַ שלאָס.

B: дворец.

1864 " און דו, אַז דו ווועסט דאַרפֿן,|...| טאָ קום צו
349 מיר אין שלאָס (דוואַרעץ)". פּער 177, נ' 16, 254.

1903 " איר מעגט זיך פֿאַרגינען אָנקוקן |...| אַ
350 זיצעכץ פֿון דאַרפֿסייד, אַ שטוב |...| אַ פּאַלאַץ, אַ דוואַרעץ".
שלום=עליכם, 28, 122.

1910 " א וווּנדער=פּאַלאַץ, אַ דוואַרעץ |...|".
351 פּרוג, 1, 195.

דוואַרעצקי - דער, =ס. (רוס, נא) הויז=פֿאַרוואַלטער. (?נ?)

R: дворецкий

1868 " איך בין עפּעס א גרויסע דאַמע, וואָס איר דוואַרעצקי

355 פֿאַרדינגט דירות, און זי ווייסט אפילו דעם חשבון

ניט פֿון הוצאה און הכנסות=הבית און ווער איך איר

הויז ווינט?". י.ב. פֿאַלקאָוויטש, 1, 27.

---

ביי דעם טעקסט ליגן זינען פֿון דעם ביטאַטער, אַבער

רעד: דער מחבר (אָדער די העלדין פֿון ווערק?) ניצט

דאס וואָרט ניט אין קאַרעקטן באַטײַט. דוואַרעצקי

(дворецкий) איז דער הויפּט=באַדינער פֿון הויז,

דער ממונה איף אלע שטובדינער א מאָל ביי די פּריצים.

(?נ?) ד רוך( כ ) ב אַ ר ט נ ע - <u>אַדי</u>. (<u>רוס, נאַ</u>) מיט צוויי

פֿאַלעס, איינע איבערגעלייגט אויף דער צווייטער און

מיט קנעפּ אויף ביידע פֿאַלעס (וועגן אַ ~~גדד~~ רגז).

% ער טראָגט אַ <u>דרוך־כבאַרטנע</u> פּידזשאַק.

1866 " זײַדענע <u>דרוך־כבאַרטנע</u> זשופּיצעס, סויבלנע היטלען

אין דער וואָכן, זומער אַ קאַפּעליש |...|".

<u>ארז, פּער 177, נ׳ 4, ז׳ 52</u>.

(?נ?) ד וו· ( כ ) ג ר י וו ע נ י ק – דער, =עס. (רוס, נא)

R: двугривенник רוסישע מטבע פֿון 20 קאָפּיקעס.

[...]

1869 "~~ווער שמועסט~~ פֿאַר אַ דוווּכגריווועניק קען מען

307 זיך שליטלען פֿון איין עק שטאָט צו דעם אַנדערן".

ארז, פער 177, נ' 16, ז' 115.

רעד:(יידן האָבן די מטבע גערופֿן אַ פּערציקער = פּערציק גראָשן)

(?נ?) דוו־קאַנקע - די, =ס. (סל, נאַ) וואָגן געשפּאַנט מיט
צוויי פּערד.
P/R: dwukonka / dwukonka

1974 " שווערלײַביקע פּולקאָווניקעס און גענעראַלן |...|
306 זענען געפֿאָרן אין קאָטשן, אין 'דוווּקאַנקעס',
אין דראָזשקעס אויף גומענע רעדער |...|".
י. האָפּער, פּער 38, נ' 84 - 85, ז' 161.

ד ו ו מ ו ו י ר א ט - דער, בא. הערשאפט פון צוויי

פערזאנען (אין אלטן רוים).

ד ו ק א |דאווקע| - פֿארט, געניצט אונטערצושטרײַכן,
אויסטיילן דעם זאצגליד, צו וועלכן ס'איז סינטאקטיש
באהאפֿטן, אין זינען: באזונדערש, אקוראט, פונקט, גראָד,
בלויז, אויסשליסלעך. % פֿאַר וואָס עפּעס דאַרף איך גײן,
דווקא איך? ~~גיי צו~~ ער גייט דווקא צו יענעם דאָקטאָר,
כאָטש ער נעמט טײַער. זיי ווילן דווקא גיין צו פֿוס,
כאָטש ס'איז ווײַטלעך. דער שטאָף אויף די פֿאַרהאַנגען
געפֿעלט מיר דווקא, ער וועט זיך פּאַסן צום מעבל.

|אנהייב ~~XIX~~ י"ה| " ער וויל דווקא פֿון די היגע מדינות
367 נעמען א ווייב". עטינגער, 3, 497.

1873 " מילא, דו האָסט זיך אײַנגעשפּאַרט דווקא שטודירן
368 דאָקטאָריע, נו, וואָס האָב איך געקענט מיט דיר טאָן?".
מענדעלע, 1, קאַנק 398040.

1901 " מע האָט אים געגרופן „ר׳ יודל מלאך=המוות„ |...|

369 כאַטש אויסזען האָט ער אויסגעזען דווקא נישט ווי א מלאך=המוות |...|". שלום=עליכם, 20, 101.

1930 " דער דאָזיקער ענטפער איז אים דווקא גוט אָפּגעלאָפּן". שניאור, 1, 12.

370

1958 " |...| דווקא אין דער אינטענסיווער געשפּאַנטקייט

371 פון די רגעס, |...| דווקא דעמאָלט אין פּאַפּיאַסעס דיאַלאָג מיטן רוימישן זעלנער |...|אַ קורצער און רעאַליסטיש וואָרער". ביקל, 1, 314.

|| דווקאַניק |דאַווקעניק| – (איר)וועגן אַן עקשן, אַן איינגעשפּאַרטן, וואָס האָט ליב צו זאָגן תמיד פּאַרקערט.

% מיט דעם דווקאַניק זאָלסטו ניט דיסקוטירן, ער וועט שטענדיק זאָגן פּונקט קאַפּויער. 572

<u>(ס'איז) לאוו=דוקא</u> - ס'איז נישט פונקט אזוי, ס'מוז ניט זיין אזוי.

<u>דוקא אזוי און ניט אנדערש</u> - נאר/בלויז אזוי, אויסשליסלעך אזוי, אנדערש קאן ניט זיין.

1621 " זייא ווישן דז איך האב גיהערט |...| דז
המיך וויל <u>דוקא</u> איין זעצן איין חשוב בחור אונ' 373
איין מיוחס". <u>פראגער בריוו, ז' 37</u>.

1723 " |...| אבר ווען דא ווער איין דעודת מצוה|...|
זא מעכט מן וואול פלייש עשן אונ' ווייך טרינקן 374
<u>דוקא</u> דיא קרובים אונ' דיא גיפרייאט זיין".
<u>ס' המנהגים, דף לא/א</u>.

ד ר ז - דער, =ן. (לאקל, פאלאנגע, ליטע) א רונדע

425 הויכע פושקע. % א דרז מיט צוקער |מ. מארק, פער90,נ׳X-1|.

ד ר ו ז ע - די, =ס. (שלש, רעג, ליטע) אַ דיקע פּרוי.

% זעט נאָר די גראָבע דרוזע! 427

Lit: dusas (?)

רעד: דער אויסטייטש און די עטימאָלאָגיע - לויטן קאַרטל.

דרזשקע - <u>די, =ס.</u> דאָס הענטל פֿון אַן עמער

R: дужка

.|<u>ליפשיץ 1</u>|

<u>רעד:</u> ליפשיץ שרײַבט דווקא "דישקע"!

ד ו ח ה |דויכע| ז יי ן - טרוו. (לל) 1. אפשטויסן, אפוואַרפן, אַפרוקן אין אַ זייט.

1832 " דיא זינד פון אַ גאַנץ יאָר זאַנין מיר דוחה
430 מיט דעם קול פון שופר". איבז אנ, מחזור, 2, דף מב.

1883 " ווען דער טיש |פון שבת|איז ניט מיט תענוגים,
431 |...|דען איז די חיה מיט אירע פיר שׂרפים |...|
שטויסן זיי אַרויס |די סעודות| און זיינען זיי
דוחה צו די משחיתים". אנ, נופת צופים, דף יד.

1957 " ער איז בכוח דוחה זיין אַלע מניעות ועיכובים,
432 וואָס וועלטלעבן מאַכט אויף תורה און מיצוות".
י.י. שניאורסאָן, 1, דף פ.

.2 (פיג) איבערוועגן, וויכטיקער זייַן, שטייַן אויפֿן ערשטן אָרט (וועגן עניַנים פֿון הלכה). % פּיקוח=נפֿש איז דוחה שבת.

1832 " תקיעת שופר איז דוחה שבת. אז ראש השנה איז געפֿאַלן אום שבת האָט מען אין בית המקדש געבלאָזן שופר אום שבת. איבן אן, מחזור, 2, דף מג. 433

1886 " |...| מען מעג אַריינגיסן אַ רפֿואה אין מויל אום שבת, וואָרעם דאָס איז אַ ספֿק פֿון פּיקוח=נפֿש איז דוחה שבת". איב, אנ, תנחומא, ז' 104. 434

1931 " יועץ=בר=מצליח האָט געוואָלט זאָגן, אַז פּיקוח=נפֿש איז דוחה אַ תענית". מ. גראָסמאַן, פּער 69, II/20. 435

דו - ~~אָפּשלעפּן, אָפּלייגן אויף שפּעטער~~

דוחה זײַן דעם קץ |קעץ| - ~~צוריקשטופּן~~ די אויסלייזונג,
דאָס קומען פֿון משיחן.

437 1959 " מען טאָר ניט דוחה זײַן דעם קץ". ליובאוויטש, 13,63.

3. (לל) אָפּלייגן, איבעררוקן (אין צײַט). % די מחותנים
האָבן מסכים געווען דוחה צו זײַן די תּנאים אויף
נאָך חנוכּה.

דוחה בקש |בעקאָש| זײַן - אָפּוואַרפֿן, אָפּפּטרן מיט א ליאַדע
וואָס, מיט א קלייניקייט.

438 1964 " די קעגנערס פֿון א טעאָריע |...| זענען צודרינגלעך,
מען קאָן זיי נישט דוחה בקש זײַן, דאָס הייסט אָפּשטופּן
מיט א שטרויי". פֿער 69, X/28.

דוחה זײַן בידיעם | בעיאַדאים - אָפּשטויסן, אָפּװאַרפן מיט
די אייגענע הענט.

סטופאַי איז דוחה שבת - װען דער װאָס האָט די מאַכט
הייסט עפּעס טאָן, איז ניטאָ קיין ברירה, מוז מען פאָלגן
(סטופאַי= גיי, ריר זיך [רוסיש], טיפּשער באַפעל=אויסדרוק
פון די רוסישע פּאָליציאַנטן, קאָזאַקן).

ם ----> 1.

1626 " אונ' הקב"ה האט דען עולם ניט װעלן פר דרבן
441 אונ' האט די גזירה דוחה גיװעזן". ס' המגיד, 1,
משלי, יב, טז - יז.

1711 " זיא קאנין מאכין מיט אירי חכמות דוחה צו זיין |...|
442 אלי בעלי דינים דיא דא װילן זיא דין טאן".
נחלת צבי, בראשית יג/ב.

.2 <----

1610 " |...| אויז גינומן |דער| שביט פון עומר דער

443 אין (דוחה) דען שבת". טייטש=חומש, שמות, לד -כא.

.3 <----

1995 " אונ׳ דער שקאלניק זאל קיין פאריז אן נעמן נייארט

444 על יום ב׳ ויום ה׳, אויז גינומן ווען איין פריץ

איינן לאדיט אונ׳ מן קענט דאז משפט ניט דוחה זיין

אויף די טאג המוגבלים". קראקעווער קהילה=תקנות.

1713 " |...| די אורזאך איז גוועזן דש עטליכי לייט

445 מיך מיט דיא בצאלונג האבן דוחה גוועזן ושוב ומחר אתן

אזו האב איבר מיין יכולת ניט קענן גין".

מחזור, 1, דף טז - 2.

ד ו ח ק |דויכעק| - <u>דער. בא.</u> 1 דאָס פּעלן, דאָס ניט זײַן צו גענוג, וויפל ס'איז נייטיק; מאַנגל. % ווינטער איז כמעט קיין רעגנס ניט געווען, וועט זײַן א <u>דוחק</u> אין וואַסער. אין די קראָמען פילט זיך אַ <u>דוחק</u> אין גרינסן און פּרוכטן. בײַ דעם סוחר איז איצט אַ <u>דוחק</u> אין מזומן געלט.

1874 " |...| אָבער ווען דאָס געקעכץ איז גאָר מכולה
456 געוואָרן, ביז עס איז ניט ראוי צו עסן דאָס אַפילו
דורך <u>דוחק</u>, באַדאַרף מען דערויף קיין ברכה ניט מאַכן".
<u>איבז אנ. ס' ברכת הנהנין, ז' 84</u>.

1934 " |...| אין נאַפּט איז אַ <u>דוחק</u>. מען שטעלט זיך צו
457 עטלעכע צענדליק מאָל אין דער ריי און מען פּילט
ביסלעכווײַז אָן די בײַכיקע געפעס מיט ברען=מאַטעריאַל".
<u>מין, 1, 54</u>.

1958 " מחמת דוחק אין אָרט, מוזן מיר זיך באַנוגענען
מיט אָט די פּאָר מוסטערן". ניגער 8, 444.

2. נויט, אָרעמקייט, דחקות. % לעבן אין דוחק. ליידן דוחק.
דער פֿאָטער איז אַרבעטסלאָז, און די משפּחה איז אין
דוחק.

1832 " זאלשט פאר נעמין פון דעם הימל דאש קול פון
460 די ארימי יודין וואש רופן צו דיר פון זייער דוחק".
איבן אַן, מחזור, 2, דף מט/ב.

1875 " כאַטש צו צײַטן ליידן זיי דוחק מחמת אַרעמקייט
459 און דלות, פֿון דעסטוועגן האָבן זיי אַ בטחון אין
גאָט ב"ה". קב הישר, 5, דף י"ט.

1888 " |...| מן הסתם איז אַזוי באַשערט, דאָס יידישע
461 לעבן איז אין גאַנצן אַ דוחק גדול". שאַצקעס, 174,2.

ם ----> 1.

1610 " איר ווישט וואול ליבן פריינט וואש מיר היא פֿר

463 אייך גוטש גענוסן האבן פון דען צדיק מיר האבן פאר גרוש

דוחק אום ווסיר אזו בלד ער הערק קומן איז האבן מיר

גינוגן ושיר גיהט". טייטש=חומש, מדרש, בראשית כט -כב.

----> 2.

1546 " אונ׳ דו זולט ניט בישלויסן דייך האנד בון צו

464 לייהן איינם עני אין דער צייט |...| ווען ער גרוסן

דוחק הוט". ס׳ היראה, 1, 165.

1610 " דיא זייך גיוועזן תלמידי חכמים אונ׳ האבן גרושן

465 (דוחק) גליטן". טייטש=חומש, מדרש, דברים, טו - 3.

1721 " ישראל די דא זייך ארמי לייט זי רופן צו דיר

466 אויש אירן דוחק". מחזור, 2, דף נא - 2.

ד ו ח ק |דויכעק| ז יי ן - טרוו. (לל) דזוו דוחה זיין, ב'1.

1909 " |...| האט דער וואס גלוסט, דוחק געווען
477 צו דעם וואס איז מקנא אז ער זאל צו ערשט פארלאנגען
|עפעס פון מלך|, אזוי האט דער |...| מקנא פארלאנגט,
אז מען זאל אים אויסשטעכן איין אויג און צו זיין
חבר צוויי". שפערלינג, 2, 80.

1957 " דער אייגענער איך |...| דער אני, וואס איז
478 ר"ל דוחק רגלי השכינה, דאס מאכט חסידות אויס חסידות".
י. י. שניאורסאן, 1, 56.

דוחק זיין דעם קץ |קעץ|(וואר: ...את הקץ |עט האקעץ| -
צואיילן די גאולה, דאס קומען פון משיחן.

... " אויך זיי זענען באמת אנגעמאסטן די רייד פונעם
479 יבנהער גאון וועגן די וואס זענען דוחק את הקץ".
מענדעלע, 21 א, 36.

1953 " דאס קעניגרייך וועט קומען, ווען די וועלט וועט
480 פאר אים רייף ווערן, און מען טאר ניט דוחק זיין דעם 'קץ'".
גרינבערג, 2, 165.

דוחק זיין די שעה |שא| (וואר: ~ את השעה |~ עט האשא|).
איילן זיך, צואיילן, אונטעראיילן.

1866 " אט די אלע זאכן זענען דוחק את השעה און שטופן
481 יידן א שפרונג צו מאכן |...| און זיך אויסצוגלייכן
מיט היינטיקער צייט". פער 177, נ' 16, 215.

1905 " איך האב פיינט דוחק את השעה זיין, איך האב נישט
482 ליב כאפ=לאפ, על רגל אחת". שלום=עליכם, 15, 62.

■ 1743 " ווען ח"ו איין מענטשן איבל גיט אויף דער וועלט,
483 זאל ער פר ליב נעמן |...| אונ' זאל ניט דוחק השעה זיין,
דען הש"י גיבט איטליכם זיין פרנסה". קב הישר, 2, דף לח.

(?ב?)          ד ו ט ש ע - דער, =ס. פֿירער (דער טיטל פֿון פֿאַשיסטישן פֿירער פֿון איטאַליע, מוסאָליני).

ד ו ט ש ק ע ן  ז י ך - קזוו. בנב.

1960 " |...| זיך קעגנזייטיק געלאַיעט |=געזידלט| מיט

494 זילזולים און זיך געדוטשקעט". טיגער, 1.

........................................................

רעד: אפשר מיינט עס: דוצן זיך? רעדן אויף "דו"?

ביי אונדז, וואַלין, איז געווען א וואָרט: דוצקען זיך

(ווייכער "צ"), מיטן באַטייט "שטויסן זיך מיט די שטערנס".

........................................................

ד ו י ב ן - דער, =עס, פֿפֿ דויבניע. 1. דזוו דובניע, ב׳2,

אדער דובינע, ב׳ 1.

1941 " ער האָט ניט געטראָגן קיין האק און קיין דויבן".

ראסין, 2, 74. 495

2. אַ נאַר, אַ טעמפּער מענטש.

ד ו י ב נ י ע - די, =ס. ---→ דויבן.

(?נ?) ד ו י ב ע - די, =ס. בנב.

1934 " מאַן שטאַפּער קאַפּעליש// האַיסט באַ עם דויבע".

499 מ.ל. האַלפּערן, 5, 45.

ד ו י ב ע ן - טרוו. פּאַר געדויבעט. 1. מאַכן אַן עפענונג,
אַ פּאַרטיפונג אין עפּעס מיט אַ שפּיציקער זאַך.
% דער סטאָליער דויבעט מיט דער סטאַמעסקע. דאָס קינד
האָט אַזוי לאַנג געדויבעט מיטן טשוואָק אין פענצטער ביז
ס'איז געוואָרן אַ לאָך.

1934 "הינטן |...| איז געגאַנגען |...| רובין און
געדויבעט מיט דער קאָסע אין דער ערד". גאָלדשטיין, 1, 36. 500

2. פּפּ דלובען. אַרויסציִען עפּעס פון אַן עפענונג.
% דאָס קינד דויבעט מיטן פינגער אין דער נאָז.
1973 " נעמט זי דעם קאַטשען, דויבעט פון אים מיטן
פינגער אַן אַרבעס נאָך אַן אַרבעס". אַליצקי, 5, 146. 501

3. קלאַפּן אין עפּעס לאַנג, כּסדר. % ער <u>דויבעט</u> און <u>דויבעט</u> מיטן האַמער און קאָן אַלץ ניט אַרויסקלאַפּן די ברעט פון פאַרקאַן.

4. (<u>פּיג</u>) עמעצן לאַנג איינרעדן עפּעס, וועלן דערקלערן. % אַ גאַנצע שעה <u>דויבעט</u> ער אים אין קאָפּ אַריין, און יענער פאַרשטייט גאָרנישט.

1970 " ביסטו אַריין אין דער טועכץ, טאָ קריך שוין ווייטער, – <u>האָט</u> ער זיך <u>געדויבעט</u> כּסדר". <u>ד. ראַבסקי, פּער9,פּסח=נומער</u>. 502

// <u>עס דויבעט אין קאָפּ</u> (<u>וואָר</u>: <u>אין מוח, אין די געהירן</u>) – עס מאַטערט אַ געדאַנק.

1943 " <u>האָט</u> |...| נאָך געגומען <u>דויבען אין געהירן</u>".
<u>באַריישאַ, 3, 349</u>. 503

ד׳וּיבעשקע - די, =ס. דזוו דויבן(יע), ב׳ 1.

1964 " ווי מען קאָן דאָס לייכט אַלעמען אָפּנאַרן און זיין

1116 א 'וואָזשד'|=פירער| איבער הונדערטער מיליאָנען דומקעפּ".

א. לעיעלעס, פער 69, IV/1.

ד ו מ ק ע - ----> דומע !.

ד ו נ אַ ם - דער, |=ס?| מאָס פֿון באַדן=שטח אין ארץ=ישראל, גלײַך צו 1000 קװומ.

1962 " בערך אַנדערהאַלבן מיליאָן דונאַם נישט=אױסגענוצטער באַדן |...| געפֿינען זיך לענגױיס די גרענעצן |...|".

פֿער 182, נ׳ 3, יולי.

ם |דונדער!| ד ו נ ד ר ! - דער, =ן. דונער. (?נ?)

1723 " גאט דער מאכט אויש דעם וואלקן גין שטים

פון דונדר". ברכת המזון, דף כב. 1125

1748 " (השי"ת) האט גשיקט אין (מצרים) גרושן שווערן

דונדר אונ׳ האגל אונ׳ בליץ |...|". סידור תפילות, דף קמה. 1126

0 דונדרשטאג - דאָנערשטיק.

1701 " אונ׳ דיא דרייא מאנן מאכטן דאש לאנג(והוא רחום)

דש מן אין מונטאג אונ׳ דונדרשטאג זאגט". 1127

מעשה=בוך, מעשה קצ"ג.

רעד: מסתמא דאַרף מען לייענען: "דאָנדער" און "דאָנדערשטאָג" . געבן דאָס דאָרטן?

(?נ?) ד ו נ ד ע ר !! - דער, =ס. נאר איך אויסדרוק:

1130 [7] אלטער דונדער - (ביטול) "א זקן וואס קען שוין ניט ארבעטן"|קטוו|.

(?נ?) ם |דונדערן| ד ו נ ד ר ן - אוטוו. דונערן.

1679 " אונ׳ גאט ליס דונדרן אונ׳ האגילן |...|".

1131 בליץ, שמות, ט - כג.

1748 " וועז מן הערט דונדרן זאל מן דיא (ברכה) מאכין:

1132 |...| שכוחו וגבורתו מלא עולם". סידור תפילות, דף קע"ב.

דוניצע - די, =ס. 1. דזוו דוויניצע |סטוטש 248|.

1136 2. (פּפֿ דיניצע) ערדענער אָדער אײַזערנער טאָפּ, אונטן שמאָל און אויבן ברייט |ר. ערליך, פּער 90, נ XXI - 1|.

1137 3. " אַ טאָפּ צום בראָטן (טשוגון, עמאַלירט)" |קטוור|.

1138 4. " אַ קײַלעכיק טעפּל ווו מע פּלעגט שטעלן טשאָלנט" |קטוור|.

(?בן?) דונמא - |די?| דער נאָמען װאָס די טערקן האָבן געגעבן דער סעקטע פֿון שבתי=צבֿי.

1962 " די טערקן רופֿן אָן די גאַנצע שבתי=צבֿי=סעקטע 'דונמא', װאָס דאָס מיינט געשמדטע מענטשן". 1141

י. בן=צבֿי, פֿער 69, III/17.

ד ו נ ס ט - דער, =ן. 1. (עלט) טריבע, נעפּלדיקע, מיט דאַמף, רויך אָדער אַן אַנדער גאַז דורכגעדרונגענע לופֿט.

% דער צימער איז פֿול מיטן דונסט פֿון טאַבאַק.

1829 " און אייך דונסט איז אויפגעגאַנגען פֿון דער ערד און האָט אַנגעטרענקט דיאַ גאַנצי ערד". 1142

חמשה חומשי תורה, דף, א - 2.

1898 " |...| שפּירט מען פֿון דאָרטן אַ שרעקלעכן דונסט און טשאַד". אַנ, קאַפּיטאַן דרייפֿוס, ז' 194. 1143

1916 " גיפֿטיקע גאַזן און דונסטן, וואָס ווערן אַרויסגעגעבן אין דער פֿאַבריצירונג פֿון כעמישע פּראָדוקטן, און ספּעציעל די דונסטן פֿון געלן פֿאָספֿאָר |...|". 1144

מעריסאָן, 1.

2. טשאַד.

1917 " די חובבי ציון בלייבט איצטער נאָר איין זאַך:
1145 אויפהאַלטן אין פאָלק דעם מיסטישן דונסט פון דעם
רעליגיעזן נאַציאָנאַליזם". זשיטלאָווסקי, 6, 51.

|| דונסטיק - אַדי/אַדוו. (עלט) וואָס איז פול מיט
דונסט, דעמפּיק, רויכיק, פאַרנע, שטיקנדיק.

1836 " די שטוב דאַרף זיין גרויס, הויך פול מיט ריינע
1148 לופט, אָבער קיין נידריגע אָדער ענגע, פייכטע און
דונסטיגע שטוב". בערלאַנט, 1, 45.

ם
דונשט.

1 ⟵----

1544 " דאַ ווריאַט זיך דוד דאַ ער דיא זיינען זאַך//
1147 בון דעם גרושן דרינג דער דונשט גען הימיל אויף
בראַך". שמואל=בוך, סטר' 442.

(?נ?) ד ו נ ס ט ן – אוטוו. (עלט?) דעמפן, פארען, רייכערן
|מארק ווב 700|.

ד ר נ ע ן I - אוטוו. (לאקל, ליאזנע, וור) דאוונען
קטוו, ח. ליבערמאן. 1153

(?נ?) ם |דונען| ד ו נ ן - אוטוו. שושקען (זיך), סודען זיך.

1154 ... " יתלחשו - זי דונענט". רייכלין 8, תהילים, מא - ח.

**ד ו נ ע ר** – דער, =ן. 1. דער שטארקער און זיך קוילערנדיקער
גערויש וואס באגלייט אן אויסלאדונג פון א בליץ.
% דער דונער האט אריינגעשלאגן [(אריינ)געטראפן,
אריינגעקראכט] אין א בוים. מע זעט נאר בליצן אבער
ניט קיין דונערן, דער שטורעם איז ערגעץ ווייט.

1873 " באלד דערויף האט א הילך געגעבן א דונער
1155 און זיך אפגערופן ארום און ארום מיט שרעקלעכע קולות".
מענדעלע, 1, קאנק 135670.

1907 " אט באלד קנאלט אויס א דונער און עס טוט א זעץ
1156 א רעגן". שלום=עליכם, 18, 186.

1931 " א כמארע פויקט אויף טויזנט פויקן// און שיכור
1157 פון די פיס פאלט, קויקלענדיק זיך שוין אראפ א דונער".
מארקיש, 5, 70.

1948 " און איצטער - ווי געווארן איז דאס בלוטיק, //

1158 א דונער איז אריין אין אלטן בוים". סעגאלאוויטש,

12, 22.

2. (פיג) גרויסער רויש, קלאפעריי, טראסק. % א דונער

פון אפלאדיסמענטן האט פארהילכט דעם זאל.

1962 " א דונער פון שטיין האט ארונטערגעקראכט אויף

1159 דער ערד". גראדע, 5, 148.

3. שטארקער עכא, אפקלאנג (פון א געשעעניש)

1902 " דער דונער פון דער פראנצויזישער רעוואלוציאן

1161 פון 1830 האט אריבערגעהילכט אין ענגלאנד |...|".

פער 8, נ' 13, ז' 75.

4. (פּיג) גרויסער און פּלוצעמדיק אומגליק.

1887 " א גרויסער דונער האָט מיך דערשלאָגן!".

1160 זאַביעזשענסקי, 1, 9.

5. (פּיג, לאקל וואַרשע) הויכער, שטאַרקער מענטש (פּער 92, נ' 14).

|| דונערדיק - אַדי/אַדוו. ווי אַ דונער (שטאַרק, הויך, רוישיק, דערשלאָגנדיק). % אַ דונערדיק קול.

1934 " דעם בעל=הבית אויפן קאָפּ פּאַלט פּחד אַראָפּ,// פון הימל אַ דונערדיק שטריימל אַראָפּ". מ.ל. האַלפּערן,4,171.

1181

1956 " אַ שטאָלצער אָדלער פון דער שטערנדיקער הייך, געשטאַלט מיט דונערדיק געזאַנג פון באַריקאַדן". מאַרקיש, 10, 459.

1183

1972 " דער פרעזעס אליין האט אויך נאר האלב אויפגעלאכט,

1183 ווען א דונערדיק געלעכטער האט אויפגעריסן איין יענעם

ווינקל פון צימער". ראזענפארב, 2, 305.

0 דונער=אפלייטער - דער, =ס. דזוו בליץ=אפפירער

( <---- בליץ).

1874 " אין די הויפטשטאט פון אמעריקע איז אויף אלע

1189 הייזער איינגעסטראיעט דונער=אפלייטער|ס|".

דינעזאן, 4.

דונער=אפפירער - דער, =ס. דזוו דפוו |סטוטש 430|.

דונער=אפציער - דער, =ס. דזוו דפוו |סטוטש 430|.

דונערבליץ - דער, =ן. שטורעם באגלייט פון בליצן און

דונערן, |סטוטש 219|.

דונערבראך - דער, ~ ברעך. (שנש?) דער קלאפ פון

א דונער, דאס איינשלאגן פון א דונער.

1929 " |...| ניט קיין דונערבראך, ניט קיין בלענד
פון בליץ// אים קאנען און ווילן אים ניט שטילן". 1194
האלקין, 1א, 100.

דונער=געוויטער - דאס, =ן. שטורעם באגלייט מיט דונערן
און בליצן.

1941 " ער האט געמאכט פארן רעגן א געזעץ,// און
א וועג פארן דונער=געוויטער". תרגום יהואש, 1195
איוב, כח - 26.

דונער=געקראך - דער/דאס, בא. דער שטארקער רויש פון
דונער ביים ארײַנשלאגן אין עפעס.

דונער=געשריי - דאס, =ען. זייער שטארק געשריי.
1934 " |...| אין דער שטאטבאן מיט איר דונער=געשריי//
זיצט זיך גראמער ווי אויף א וואגן מיט היי". 1197
מ.ל. האלפערן, 5, 195.

דונערקלאַפּ - דער, ~ קלעפּ. דזוו דונער=געקראַך.

1948 " עס וועט פאַר דיר גיך אויסקלאַפּן דער זייגער,//

1199 אַן אוראַגאַן מיט בליץ און דונערקלעפּ". סעגאַלאָוויטש,12,58.

דונערקנאַל - דער, =ן. דזוו דפוו.

1924 " ער וואַרט בלויז צו הערן דעם דונערקנאַל//

1201 פֿון אַלץ וואָס וועט אויבן טון אַ צעפּאַל |...|".

~~מ.ל. האַלפּערן,~~ מ.ל. האַלפּערן, 1, 289.

דונער=שטורעם - דער, =ס. דזוו דונער=געוויטער

|סטוטש 219|.

דונערשטיין - דער, =ער, פּקפּ ~שטיינדל=עך |סטוטש 204|.

1. "קליינער, דורך וואַסער אָפּגעשליפֿענער שטיין"|קטוו|.

% "קינדער שפּילן זיך מיט די דונער=שטיינדלעך, וואָס ליגן

1205 - 1204 אין זייער בייט"|קטוו|.

2. „א שווארצער, זייער הארטער, קלינפארמיקער שטיין,
מיט א רונדער לאך אין מיטן. מע האט גערעדט אין פאלק
אז דאס איז א שטיין וואס פאלט אראפ ווען עס דונערט,
נאך מער – ס'איז דער דונער אליין. אבער כ'מיין אז ס'איז
א שטיינהאק, געניצט אין שטיין=פעריאד" |קטוו|.

דונערשטימ(ע) – די, =(ע)ס/=(ע)ן. זייער א שטארק הויך קול.
1901 " |...| האט זיך געהערט א דונערשטימע פון גאנצן
זאל". אלפס, 4, 21. 1208

דונער=שיצער – דער, =ס. דזוו בליץ=אפפירער |מארק ווב 985|.

דונערשלאג – דער, =ן. פפ דונערשלאק. 1. דער קלאפ
פון א דונער, דאס אריינשלאגן פון א דונער.
1865 " די נאכריכט|=ידיעה| איז געוועזן ווי א דונערשלאק
פאר די ליבנדע". אנ, די אנטלאפענע טאכטער, ז'4. 1212

1907 " ווי א דונערשלאג האבן איר געטראפן די וועטער

1211 |...|". באוושאווער, 2, 50.

1949 " פארבראכן מיט די הענט אויף איר אומגליק, וואס

1213 האט זי געטראפן ווי א דונערשלאג אין מיטן העלן טאג".

י. י. זינגער, 9, 224.

2. (פיג) א גרויסער אומגליק, א צרה.

1910 " א דונערשלאק איז פון קלארן הימל אראפגעפאלן

אויף די שטעט און דערפער". פרוג, 1, 302.

דונער=שלינגער - דער, =ס. (נש) דזוו בליץ=אפפירער

( ←--- בליץ) |סטוטש 430|.

פפ: קלינגען(הילכן, קנאלן, קראכן) ווי א דונער -

ארויסברענגען זייער שטארקע קלאנגען, רוישן.

טרעפן /פאלן ווי א דונער (וואר:...פון קלארן הימל) –
איבערלעבן א פלוצעמדיקן, אומגעריכטן אומגליק,
איבערגעראשט ווערן שטארק פון א שלעכטער ידיעה.
1904 " ווי א דונער פון א קלארן הימל |...| איז דער
באפעל ארויפגעפאלן אויף דאס מיליטער". מיכלזאהן,2,25. 1213/1

ארייַנגעשלאגן ווי א דונער אין מיטן שבט – דזוו דפוו.
1940 " דער בייזער אנזאג האט ארייַנגעשלאגן ווי א דונער
אין מיטן שבט". שניאור, פער 155, יולי.

א מויד ווי א דונער – שפאסיק וועגן א הויכגעוויקסיק מיידל.

קארג ווי א דונער אן רעגן – וועגן איינעם וואס טומלט
א סך וועגן צדקה, אבער אליין גיט ער ניט.

א דונער האט מיך(אים,זיי)דערשלאגן – א גרויס אומגליק
האט געטראפן אומגעריכט.

1922 " א דונער האט מיך דערשלאגן! - פליסקעט זי אויס

מיט די הענט. - נישטא מיין קינד!". בערגעלסאן, 112,3. 1217

מאכן פון א פארץ א דונער - (ווהלג, איר) שטארק מגזם זיין,

מאכן פון א קלייניקייט א גרויסן טומל.

שוו: ער האט פחד אי פאר די שדים אי פארן דונער -

עס קען זיך טרעפן, מע זאל מורא האבן אי פאר דעם

שלעכטס אי פארן מיטל פטור צו ווערן פון דעם שלעכטס

(עס איז פאראן א פאלקס=גלייבעניש, אז דער דונער

הרגעט אוועק די שדים) |פער 90, נ׳ א - 2, ז׳ 60|.

ביז עס קומט ניט דער דונער, ווערט זיך דער פויער ניט צלמען -

ביז ס׳קומט ניט דאס אומגליק, זארגט מען זיך ניט.

קללות: א דונער זאל אים טרעפן(דערשלאגן, אריינשלאגן)!

א דונער אים אין די זייטן!

דער ערשטער דונער זאל אים טרעפן!

## דונר/דונדר.

... "רעמך - דינ|=דיינע| דנרן". רייכלין 8, תהילים קד-ז.

1668 " |...| זיא דר ציטרטן דיא גרונד פעשטיגונג דר

1235 וועלט אונ' זי בליצטן בליציגונג אונ' עש דונרט

גרושי דונרן". יוסיפון, 3, דף מא.

1711 " אונ' איך גרושי רעגן אונ' בליץ אונ' דונדר

1236 איז גיווירזיך". צאינה=וראינה,2, דף 10 - 2.

0 דונר שלאק.

1668 " אונ׳ ווארום האט ער ניט לאזן בליצן אויף מיך

1239 מיט איינם דונרשלאק אונ׳ ער האט גיטיט מיך ווען איך

אלזו גיזינדיגט האב". יוסיפון, 3, דף רג.

1798 " אונ בניט אונז פאר וואשר אונ פר פייער אונ

1240 פר אלים אומגהייער אונ פר אלי גשיכניש בייזע ווינד

בליץ אונ דונר שלאק". תחנות ובקשות, דף כ/ב.

ד ו נ ע ר ן - ווערב. 1. (אומפּ) גורם זײַן די שטאַרקע זיך קוילערנדיקע קלאַנג, וואָס באַגלייטן א בליץ בײַ אַן עלעקטרישער אויסלאַדונג אין דער אַטמאָספער.

% בשעת דעם שטורעם האט געבליצט און געדונערט.

עס בליצט אבער ס׳דונערט ניט, דער שטורעם איז זייער ווײַט.

1911 " |...| שמײַכלדיק זי מיט עלעקטרישע בליצן, עס

1241 זאָל דונערן, שיסן, פּליִען, טראַסקען". מענדעלע, 9, קאַנק 1266630.

1938 " ס׳האָט אַלץ אַפּטער און שווערער אָנגעהויבן דונערן,

1242 ס׳האָט געבליצט. דער ים האָט זיך צעבויטעט|...|".

נאָטע לוריע, 1, 11.

דו –

.2 (<u>אויטוו</u>) ארויסברענגען א גרויסן, שטארקן גערויש.

% רעדער פון הונדערטער וועגענער, אויטאס און טאנקען <u>דונערן</u> אויף דעם וועג.

1865 " עס איז געווארן גרויסע מלחמות, און האדמאטן

1243 <u>האבן געדונערט</u> אין אלע לענדער". <u>דיק, 22, 53.</u>

1920 " |...| מען הערט ניט דאס <u>דונערן</u> פון אונטערערדישע

1244 קלעפ". <u>איינהארן, 4, 12.</u>

1940 " אין דער 'טשיינע', וווּהין זיי האבן זיך אראפגעלאזט,

1245 |...| <u>האט געדונערט</u> א גרויסע מאכינע – א שפלשאפע".

<u>בערגעלסאן, 14, 459.</u>

.3 רעדן אדער שרייען זייער שטארק, הויך. % דאס קול זיינס <u>דונערט</u> ממש פון התלהבות.

1936 " דרך=ארץ פארן אלעקסאנדערער רבין! - האט ער
געדונערט.- אפשיי פאר אן עדה יידן!". 1246
זינגער, 6, 104.

1956 " דונערט ער ארונטער// מיט דער געמביקער
שטים זיינער". גלאטשטיין, 1, 273. 1247

ס'מעג דונערן און בליצן - געזאגט ווען מע וויל
באטאנען, אז עפעס וועט/דארף געטאן ווערן ניט
געקוקט אויף קיין שום מניעות אדער אפווענדונגען.

1888 " ער טראכט, טראכט אן |וועגן| רונציען און גיט
זיך דאס ווארט |...| די צו באקומען, עס מעג זיך 1247/1
אפילו דונערן און בליצן". מענדעלע, 3, 194.

אז ס'דונערט, ווערן אויסגעהרגעט די שדים - פאלקס=גלייבעניש.

קללות: ס׳זאל דיר(אים, זיי) דונערן אין בויך און בליצן אין
די הויזן! (וואר: עס זאל דיר דונערן אין בויך, וועסטו
מיינען, אז ס׳איז א המן=קלאפער).

ס׳זאל דיר דונערן אין די ציין, וועסטו מיינען, אז די קנאקסט
ניס(וואר: אז דו ציילסט געלט).

ם דונרן/דונדרן.

ץ1 ←---

1668 " |...| אונ׳ זיא דר ציטרטן דיא גרונד פעשטיגונג
1250 דר וועלט אונ׳ זיא בליצטן בליציגונג אונ׳ עש דונרט
גרושי דונרן". יוסיפון, 3, דף מא.

1748 " וועך מן הערט דונדרן זאל מן דיא (ברכה) מאכן
1132 |...| שכוחו וגבורתו מלא עולם". סידור תפילות, דף קע"ב.

---ב .3

1626 " |...| אונ׳ גוט מכט דונרן מיט דעם קול פון זיינום שטולצקייט". ס׳ המגיד, 1, איוב, לז - ד.

דונער=שוועמל – דאָס, =ען. (באַט) מין שוועמל (רוסנ Boletus Luridus).

1920 " דער בערעזע=שוועמל, **דונער=שוועמל**, פּוטער=שוועמל – דאָס רוב פֿון זיי זײַנען עסבאַרע און געשמאַקע".
איבן האכבערג, ז' 149.

| |
|---|
| רעד: דער איבערזעצער טײַטשט עס פֿון רוסישן подосиновик, א שוואָם מיט אַ רויטן אָדער ברוינעם קאַפּעליושל. |

ד ו נ ץ - דער, =ן. (פֿדר? עלט?) דזוו דונסט.

1936 " די מלחמה האָט אָנגעהייבערט/מיט איר דונץ און אכזריות

1268 די שטאָט און די געסלעך |...|". אקרוסני, 1.

(?נ?) ד ו נ צ ע ס - די, |מצ?| בנב.

1815 " והשיבו תשואת חן על אשר שלחת עלי |=אלי|

1269 דונצעס". מ. אונגער, יידישע ווערטער אין שבחי בעש"ט,

פער 90, נ' XXI - 3.

ד ו נ ק ל - אדי/אדוו. (דטשמ) 1. דזוו אדי טונקל.

1910 " די שטילע, פינצטערע נאכט האט איבערגעצויגן
1272 איבער דאס לאנד מצרים איר דונקל בלויער שלייער".
פרוג, 3, 6.

1920 " |...| פארדעקטע אומרויקע אויגן אונטער גרויסע
1273 דונקעלע פארהאנגען=ברעמען |...|". איינהארן, 110,4.

2. סובסטאנטיווירונג, דער, בא. (דטשמ) טונקלקייט,
פינצטערניש.

1910 " א שטומער, טויטער דונקל ליגט אין יעדן ווינקל
1279 אויסגעגאסן". פרוג, 1, 132.

|| דונקלענדע - אדי. (דטשמ) וואס ווערט טונקל/וואס מאכט
טונקל.

1920 " אויף דונקלענדע פעלדער ציען זיך |...| מחנות
1274 געשטאלטן". דצוו, ז' 45.

<u>דונקלהייט</u> - <u>די, בא.</u> <u>(דטשמ)</u> טונקלקייט.

1899 " קוים זי האט נאר דערלעבט די דונקלהייט פון

1276 דער נאכט זאל אנטרעטן". <u>איבז שפערלינג, 1, 16</u>.

<u>דונקלקייט</u> - <u>די, בא.</u> <u>(דטשמ)</u> טונקלקייט.

1910 " עס איז נישט לייכט |...| אונטערצושיידן איך

1277 <u>דונקלקייט</u> די פארב". <u>איינהארן, 4, 128</u>.

ם <u>דונקל</u>.

1668 " אלש דער אבנט קאם אונ' דיא נאכט <u>דונקל</u> ווארד

1278 דא פלוך דער אלכסנדר |...|". <u>יוסיפון, 3, ז'נב</u>.

דונקלווייץ - דער, בא. (באַט) סאָרט ווייץ.

1891 " דונקלווייץ וואַקסט אין דרום=אייראָפּע און ביי

1280 דעם שוואַרצן ים. דאָרט איז עס די הויפּט=תּבואה ביי די

קאָלאָניסטן". ווּעבער, 1, 70.

רעד: אין רוסיש: полба, אין פּויליש orkisz

דאַרף מען עס געבן ביי "טונקל"?

(?נ?) ד ו נ ק ע ן - אומפ ווערב מיט סוב/פראנ אין דאטיוו.

(עלט) דוכטן (זיך), אויסוויייזן זיך, מיינען.

Mhd: dünken/dunken

" וועך איין מענטש חס ושלום ווי איז, דא דונקט

1270 אים וויייניק טעג גאר פיל צו זייין". צאינה=וראינה,3,

פרשה ~~פ, תש'א.~~ פ. תשא.

ם דונקן.

... " הרואה אתה - אובא דונקט דיך, כלומר הנרא בעיניך

1281 שעצה טובה". רייכלין 8,שמואל ב, טו-כז.

" אנ׳יונה זיין וועקלויפין פר אקב"ה איז 1737

1282 גיגליכין דער מענש דער הוטא איז אונ׳ דונקט אים ער וואר

אוועקלויפין פר הקב"ה אונ׳ ער וועהר ניט משגיח

אויף אים". שיח השדה, פרק א׳.

(?נ?) דוי̆סט - (שש) רעדוצירטער באַהעפט פֿון די ווערטער

"דו האָסט"/"דו ווערסט". % דו̆סט אים נעכטן געזען?

דו̆סט אים מאָרגן זען.

1927 " דו̆סט געהערט? דו̆סט געהערט? און דו שווייַגסט?".

1289 ליוויק, 2, 68.

ד ו ע - די, =ס. דזוו דוהע/דוגע.

... " אַט זע איך ווידער מענטשן, |...| וועלכע האבן זיך

געלאַזן אַנטאַן אַ דוע אויפֿן האַלדז |...|". 1290

ווינטשעווסקי, 1, 195.

1935 " |...| האַלב רונדיק אויסגעבויגן ווי אַ דוע".

רויזענבלאַט, 4, 22. 1291

1957 " ער האָט צוגעפּעסטיקט צו די עקן פֿון די האַלאַבּליעס

די דוע, אַן אויפֿגעשטעלטער בויגן איבערן פֿערדס קאַפּ". 1292

ב. דעמבלין, פּער 155, VIII/28.

רעד: אַפּשיקן אַלע ציטאַטן (פּאַראייניקן) צו "דוהע"?

דועט - דער, =ן. (מוזיק) 1. שאפונג פאר צוויי שטימען אדער צוויי אינסטרומענטן.

1957 "אלס קאמפאזיטאר איז ער |דער חזן| געווען אויסערגעוויינטלעך שעפעריש.|...| א באזונדערן טאלאנט האט ער באוויזן צו שאפן דועטן". 1295

י. ברוכאנסקי, יזב 11, 54.

2. מוזיקאלישע שאפונג געזונגען דורך צוויי זינגערס אדער אויסגעפירט אויף צוויי אינסטרומענטן דורך צוויי שפילערס.

1947 "די גאנצע פאמיליע צוזאמען האט באשיינט דעם יום=טוב מיט זייערע געזאנגען פון אלטע יידישע פאלקסלידער, 1296
דועטן און קופלעטן |...|". מ. צעשינסקי, יזב 8, 306.

**דועל** |ווייכער ל| - דער, =ן. 1. קאַמף פון צוויי מענטשן
מיט געווער (שווערדן, פּיסטאָלעטן) אין פון פאָרויס
אָפּגערעדטע באַדינגונגען און אַ באַשטימטן צערעמאָניאַל, מיט
עדות (סעקונדאַנטן), געווען אַ מאָל אָנגענומען ביי אַדללייט
ווי אַ מיטל צו ליי‌זן אויף אַ בכבודיקן אופן אַ קאָנפליקט
צווישן אַ באַליידיקטן און אַ באַליידיקער. % גיין אויף
אַ דועל, אַרויסרופן אויף אַ דועל. צוויי אָפיצירן האָבן געהאַט
אַ דועל אויף שווערדן.

1888 " עס איז אַ קאַפּ, וואָס הייסט אַנטלויפן פון מאַד,
1300 פון דועלן |...|". האַשקעס, 1, 32.

1911 " פאַר וואָס זייט איר געגאַנגען מיט אים אויף אַ
1299 דועל און אים פאַרוווּנדט?". מענדעלע, 9, קאַנק 960870.

1970 " אין יענע יאָרן האָט זיך געקאָכט אין שטאָט מיטן עניין
1301 פון דועל, אין וועלכן דער יונגער לודעק איז דערשאָסן
געוואָרן". יזב 15, 694.

2. (פיג) קאמף, פארמעסט צווישן צוויי קעגנערס, צווישן
צוויי כוחות, מחנות.

1905 " שווער צו פונאנדערקלייבן זיך אין דעם
1303 טראגישן דועל |...| צווישן דער עבדיקער רוסלאנד,
וועלכע וויל ניט אראפ פון דער סצענע, מיט דער
קינפטיקער רוסלאנד". פער 174, 120.

1948 " זיינע דעבאטן=דועלן מיט זיי האבן נייטיק געמאכט
1304 שארפזין, |כדי| גלייך אויפן ארט צו שטעכן מיטן
אנגעשליפענעם שפיץ פון געדאנק". ב. ריווקין, 117,1.

|| דועלאנט - דער, =ן. דער וואס קעמפט אין א דועל.
% די דועלאנטן האבן זיך געשלאגן מיט שווערדן.

1931 " פון הינטער די העפלעכע, צוריקגעהאלטענע רייד
1307 האבןביידנס בליקן ארויסגעקוקט שפיציק און הארט, ווי
ראפירן אין די הענט פון א פאר דועלאנטן".
ל. שאפירא, 2, 10.

דועלירן זיך – קזוו. קעמפֿן אין א דועל.

% די סטודענטן ~~וועלן~~ האָבן זיך דועלירט מיט פּיסטאַלעטן.

1911 " אונדזער חנה=דבורה איז זיך נישט געגאנגען

1309 'דועלירן' מיט אים |...|". מוירער, 1, 7.

1960 " ער קוקט מיך אָן // און ציט די שווערד ארויס

1310 פֿון שייד:// – |...| דו הויפּנאַר פֿון דער ערד,//

קום דועלירן זיך". י. פֿרידמאַן, 2, 36.

ד ו פּ ש ט ש י ק – דער, =עס. (וווּלג) "צונאָמען פֿאַר א גראָבן יונג, אַן אויפֿגעקומענער |גביר| און דערצו אַ חזיר"|קטוור|.

| |
|---|
| רעד: ס'זאָל קומען פֿון פּויליש *dupa* (=תּחת)? |

(?נ?) ד ו פֿ ל ט אָ וו ע - דזוו דובעלטאָוועַ.

1957 " די דופֿלטאָוועַ |טעקסט: דופֿעלטאָוועַ| פֿענצטער

1352 האָבן פֿאַרטונקלט די ליכטיקייט פֿון דרויסן".

שעליובסקי, 3, 303.

....................................................

רעד: געבן בכלל די ציטאַטע ביי דובעלטאָוועַ?

איך מיין, אַז ס'איז סתם אַ גרייז ביים שרייבן/

דרוקן.

....................................................

דופליציט ←---- דופליקירן.

1354 ד ו פ ל י ק - בנב.

............................................................

הער: חוץ דעם וואָרט איז אויפֿן קאַרטל ניטאָ גאָרניט.

חוץ אַן אַנווייַז אונטן, אין ווינקל, "לט".

ווער איז דאָס?

............................................................

ד ו פּ ל י ק אָ ט - דער, =ן. דזוו דובליקאַט.

ד ו פ ל י ק י ר ן – טרוו. פּפּ: דופּליצירן, דובליקירן.

1. מאַכן עפּעס אין צוויי עקזעמפּליאַרן, קאָפּיעס.

2. טאָן די זעלבע אַרבעט, וואָס אַ צווייטער.

1958 " ער צעטרייבט אין אַן אַרטיקל די ביוראָקראַטיע

פון די צענדליקער יידישע אָרגאַניזאַציעס, וועמען ער 1357

באַשולדיקט אין דופּליקירן איינער דעם צווייטן און

אין פאַרשווענדן געלט על קרן הצבי". נ. גאַרדאַן,

פּער 68 .24/VII.

|| דופּליקאַציע – די, =ס. אַקט אָדער רעזולטאַט פון דופּליקירן.

דופלע - די, =ס. אַן אויסהוילונג, אַ הוילקייט אין אַ שטאַם פֿון אַ בוים, וואָס האָט זיך געשאַפֿן אָרט פֿון פֿאַרפֿוילטן האָלצשטאָף.

1958 "ער האָט געזוכט שוץ ביַי די נאַקעטע פֿאַרפֿלאָנטערטע וואָרצל=געקניפֿן, ביַי די דופלעס פֿון דעמבעס". 3160

מ.מאַן, 2א׳, ז׳ 131 |?|.

דופלעקס - 1. אדי. טאָפּלט, געניצט אין צונויפֿהעפֿטן:

0 דופּלעקס=אַפּאַרטאַמענט - דער, =ן. דירה אויף צוויי שטאָקן.

דופּלעקס=הויז - דאָס, ~הײַזער. הויז פֿון צוויי דירות.

דופּלעקס=טעלעגראַפֿיע - די, בא. דער אופֿן פֿון טעלעגראַפֿירן אויף איין דראָט אין צוויי ריכטונגען גלײַכצײַטיק.

2. דער, =ן. דזוו דופּלעקס=הויז. ~~[illegible]~~

בײדע משפּחות װױנען אין אַ דופּלעקס.

Lat: duplex

ד ו פּ נ י ק - דער, בא. שפּיל, קומט פֿאַר אַזוי:

איינער בייגט זיך איבער אויף די קני פֿון אַן אַנדערן,
פֿאַרמאַכנדיק/פֿאַרשטעלנדיק די אויגן; די אַרומיקע גייען צו
איינער נאָכן אַנדערן און דערלאַנגען אים אַ פּאַטש אויפֿן
הינטער=חלק, אויב ער טרעפֿט, ווער ס'האָט אים געפּאַטשט,
בייטן זיי זיך מיט די ערטער.

1943 " די אַליבטסטע |...| שפּיל ביי דער באָסע=קאָמאַנדע
איז געווען די שפּיל אין דופּניק, אָדער פּעטשעלען,
ווי מע פֿלעגט די דאָזיקע שפּיל רופֿן אין וואָלין |...|".
י. שטערן, פּער 94, נ' XXXI, ז' 119.

1386 (?נ?) ד ו פּ ע ן ז י ך – אוטוו. "זייַן רייַך" |קטוו, גראַדנע|.

---

**רעד:** א ספק צי ס'איז דאָ אַזא וואָרט, קען זייַן דער זאַמלער (ווער?!) האָט פאַרפּלאָנטערט מיט "דופּען" איך אַ געמיש פון ביידע באַטייַטן. און בכלל קלינגט דאָס וואָרט זייער ווולגאַר (אַסאָציאַציע מיטן פּוילישן *dupa* =הינטער־חלק).

(ווער?!)

---

ד ו = פּ ר צ ו פּ י ם |דו=פּארצופּים| - דער, בא. (לל)

איינער וואס האט צוויי געשטאלטן, צוויי פּנימער.

1961 " ער, שבתי=צבי, ווערט א דו=פּרצופּים".

טרונק, 9, 41. 1417

1956 " לויט דער דאזיקער טעאריע איז דער ערשטער מענטש

באשאפּן געווארן א צווייאייניקייט, א מאן=פרוי|אדער, 1418

אין גריכיש, אן אנדרוגינוס, א דו=פּרצופּין, |...|

דאס הייסט, אן אמת צוויי=פּנימדיקע באשעפּעניש, א מאן

און פרוי צוזאמענגעוואקסן". עלזעט, פער 90, נ"XVI -1.

|| דו=פּרצופּימדיק - אדי/אדוו. וואס האט צוויי געשטאלטן.

1938 " ווי אזוי איז דאס מעגלעך |...| אז די 'אידייע'

זאל זיין 'דו=פּרצופּימדיק', האבן צוויי געשטאלטן". 1419

קאראלניק, 1, 46.

ד ו פ ט - דער, =ן. גוטער, שמעקעדיקער ריח.

% דופט פון רויזן. דופט פון פארפום. א פארשיכורנדיקער דופט טראגט זיך פון גארטן.

mhd: tuft; Ahd: duft

1907 " מיט זייער בשמימדיקן דופט האבן זיי געגלעט".

1314 באוושאווער, 2, 40.

1920 " און ס'ווייעט פון די גרינענדע בערגער// א צערטלעכער

1315 דופט פון פיאלקעס". איינהארן, 6, 116.

1959 " מע מוז אליין זען די פארבן, די פארמען פון

1316 א בלום, מע מוז אין זיך איינזאפן איר דופט".

ניגער, 9, 272.

|| דופטיק - אדי/אדוו. וואס האט אין זיך דופט; שמעקעדיק. %דופטיקע ריחות. דופטיקע בלומען. עס ווייעט א דופטיק ווינטעלע.

1907 "אַז איך נעם אַ בוך און דערזע אַז די זון האָט

1331 געשײַנט, |...| די לופט איז געווען דופּטיק, |...|

טו איך אַ שלײַדער דאָס בוך אין דער ערד אַרײַן!".

שלום=עליכם, 32, 171.

1918 " יונגע ברוסטן אומגעהילטע, // נאָר אין העמדער

1332 לופּטיקע,// מײדלעך, אין די האָר פֿאַרפֿלאָכטן//

שטאָקנצווײַגן דופּטיקע". א. אויערבאַך, 1, 44.

1948 " אַ בלומען=מזבח מיט דופּטיקע פֿלאַמען |...|".

1333 סעגאַלאָוויטש, 12, 78.

דופּטיקייט - די, בא. אייגנשאַפֿט אָדער מצב פֿון זײַן דופּטיק.

1922 " די הייסע זון האָט בײַ אַלע בלעטלעך און גראָזן געעפֿנט

1339 די מײַלעכלעך, און אַלע צוזאַמען דופּטן אַרויס אין

גאָרטן אַרײַן אַ פֿרישע דופּטיקייט". יעקב שטיינבערג, 2, 8.

1966 " ווי גוט, וואָס איך האָב אויסהיטן געקענט// זייַן
1340 לופּטיקייט, זייַן דופּטיקייט, זייַן בלענד". האַלקין, 207,4.

דופּטלאַז - אַדי/אַדוו. (דטשמ) אָן דופּט.

1921 " עס בליען די אַסטרעס, די דופּטלאַזע בלומען//
1342 מיט בונטע קאָלירן וואָס ריידן פֿון ווייט".
סעגאַלאָוויטש, 7, 23.

דופּטן – אוטוו, פֿאַר געדופּט(עט). אַרויסגעבן דופּט, שמעקן. % די רויזן דופּטן שטאַרק.

1910 " |...| פּריי, ווי אַן אָדלער, צעשפּרייט זיינע
1343 פֿליגל מיין גייסט און ער פֿליט אַהין, ווו עס שיינען
די אייביקע שטערן, ווו אייביקע יוגנט דופּטעט
און בליט". פּרוג, 2, 151.

1967 " און אלוהים? דער גאָט פֿון אברהם, וואָסער גאָט
1344 איז ער, |...| אַז תּרחס פֿינגער באַריכן ניט זיין דופּטנדיק
געוואַנט?". פֿרידמאַן, 4, 27.

דופֿן I - דער, =ס. 1. ברעט.

1912 "|...| האָט ער מיר געהייסן צוגרייטן די מקשירים,

1368 ס'זאָל קיין מניעה ניט זײַן. כ'האָב דאָ אין ווינקל די

כלים און אַ דופֿן". דאַברושין, 3, 27.

רעד: דעם דאָזיקן באַטײַט גיב איך, ווי ער איז
אָנגעגעבן דורך עמעצן אין קאַרטל, כ'האָב ניט דאָס
בוך צו זען אַ גרעסערן קאָנטעקסט. ס'קאָן זײַער זײַן,
אַז ס'קומט פֿון העברעיִשן "דופֿן" |דויפֿן|, וואָס מיינט
אַ ווענטל, אַ מחיצה (פֿון דאָנען "יוצא=דופֿן").
זען דופֿן II. און אפשר מיינט עס טאַקע אַ ווענטל.

(?נ?) ד ו פ ן II |דויפן| - דער, =ות |דויפנעס|. (לל)

1368/1 1. אַ וועגטל, אַ מחיצה.

2. "די זײַטן פֿון אָרון=המת (אהלות, פּ"ר - מ"ד) |קטוּו|.

ד ו פּ ע ן I - אוטוו. (איך) דופּע, פּאר געדופּעט.

פּארלאָזן זיך, אויסשטעלן אויף עמעצן/עפּעס.

% דופּען אויף עמעצן/עפּעס. ער האָט געדופּעט אויף

דעם גביר, אַז יענער וועט אים העלפן מיט א הלוואה.

זיי דופּען אויף זייער כּוח דורכצופירן די זאכן.

|1819| " דאס אלץ איז נאר איבר דעם רשע מיט זייני

1369 לייט וואס דופּין אויף דעם פּריץ תּקיפות". פּערל, 1,138.

1888 " אזעלכע וואָס באקומען שטעלעס, נאָר ווייל |...|

1370 זיי האָבן א שטארקן צד, אויף וועלכן זיי דופּען".

מענדעלע, 3, 386.

1931 " מיר זענען געבליבן שטיין ביים |...| טייך, וואס

1371 דופּעט שטארק אויפן מערדערישן כּוח פון די צוויי

|...| בערג". נאדיר, 5, 228.

1947 " |...|די היטלעריסטישע פּראָפעסאָרן האָבן מורא געהאַט פאַרן איינדרוק, וואָס זיי וועלן מאַכן אין אויסלאַנד; אָבער זיי האָבן געדופּעט - אין א לאַנגע צייט נאָך אַנאַנד האָבן זיי טאַקע מצליח געווען". מ.ווייַנרייַך,

5, 35.

ד ו פּ ע ן !! - אוטוו, פֿפֿ: דופּענען. באַרימען זיך,
אויספּייִנען זיך, איבערנעמען זיך |ליפּשיץ1|.
% ער איז רייַך געוואָרן, דופּעט ער פֿון זיך.
1382 1955 " ישׂראלס קינדער דופּענען צעשראָקן".
מאַני לייב, 1, 327.

רעד: כ'בין ניט זיכער, צי די ציטאַטע פּאַסט צום
באַטייַט, נייטיק אַ גרעסערער קאָנטעקסט.

ד ו פ ק |דויפעק/דייפעק| - -----> דפק.

ד ו פ ק ן - ←------ <u>דפקן</u>.

(?נ?) דוצי - דער, =ס. (לאקל, סאנאק) צונעמעניש

1420 פאר א דיקן מאן|ב. ראבאק, פערוןXVII - 1|.

ד ו צ ן - טרוו. רעדן, ווענדן זיך צו עמעצן(ניט צו קרובים)
אויף "דו", ס׳רוב ווי אן ארויסווייז פון נאענטקייט,
פריינדשאפט (ניט אויף "איר", ווי מ׳איז איינגענומען אויס העפלעכקייט). % ער איז גיך געווארן זיין חבר, ער דוצט
אים שוין אפילו. יענער איז א גראבער יונג, דוצט
ער יעדן איינעם, אפילו עלטערע פון זיך.

1883 " אלע חסידים זענען איינער מיט דעם צווייטן
1422 ברידער און טוען דעם גרעסטן און דעם עלטסטן דוצן".
אנ, דער רייזענדער, ז׳ 49.

1902 " ער |דער חתן| האט איר גלייך געגעבן די האנט,
1424 געפרעגט מיט א האלבן מויל: וואס מאכ... די איבעריקע
אותיות האט ער פארשלונגען, עס זאל ניט זיין קענטיק,
צי ער ׳דוצט׳ |טעקסט(לד): דוטשעט| זי צי ער אירצט
זי |...|". רייזען, 3, 30.

1934 " - וואס האסטו צו זאגן? - ברוך האט געדוצט
1424/1 רבקהן, ער האט זי געהאלטן פאר אן אייגענע". אש,13.

1974 "מען האט אים נאך אלץ געדוצט, ווי א יינגל,
1425 און געקוקט מיט איראניע אויף זיין פראנטישקייט".
עלבערג, 2, 254.

|| דוצן זיך - קזוו. רעדן איינער צום אנדערן אויף
"דו", זיין אויף דו. % אלע זיינען היימיש, דוצן זיך,
ווי אלטע חברים.

1909 " איך האב שוין גערעכנט מיט אייך איבערגיין אויף
1426 דו... מיט אסקארן דוצט איר זיך?". קאצענעלסאן,3,46.
1914 " פון ווען אן זענען מיר דאס געווארן אזוי נאענט,
1427 וואס מיר 'דוצן זיך' איינס דאס אנדערע?".
שלום=עליכם, 36, 78.
1970 " מיר האבן זיך אפילו געדוצט, ווי ווייל ער איז
1428 געוועזן צוואנציק יאר עלטער פון מיר". ווארשאווסקי,
פער 155, I/30.

|| דוצעניש - דאס, בא. (איר) דאס רעדן ~~צו זיך~~ אויף "דו".

% וואס איז דאס פאר א דוצעניש? מיר קענען זיך דען?

// די גלאז דארף מען אירצן און דעם בראנפן דארף מען דוצן (שוו). 1429

(?נ?) ד ו צ נ ד - דער, =ן. (דטשמ) טוץ.

1894 " זאגט, וואס איז א דוצנד שווינדלער // קעגן אזוי

1436 פיל ארבעטסלייט?". עדעלשטאט, 1, 52.

1909 " |...| ער האט דאך געקענט שוין איצט האבן לכל=הפחות

1437 א האלבן דוצנד קינדער זיינע אייגענע?". קאברין, 4, 213.

1439 ד ו צ ק ע - די, =ס. (לאקל, ביעלסק, גראדנער געגנט)
געטאָקטע באַפּוצונג בײַ מעבל | י. כץ, טערמינאָלאָגיע
פֿון סטאָלערײַ, לאַנדוי=בוך, ווילנע, 1926, ז׳217 | .

ד ו צ ק ע ן (ז י ך )|ווייכער "צ"|. טרוו/קזוו.

1. שטויסן (זיך) מיטן קאָפּ, מיט הערנער.

1924 " |...| פֿאַרהערן זיך, ווער סע קען העכער שפּרינגען//

1441 און בעסער זיך דוצקען מיטן קאָפּ". מ.ל. האַלפּערן,1,97.

1936 " |...| און זי |די ציג| דוצקעט כלומרשט איר ציגעלע

1442 מיט די הערנער, אַזש צו קיצלען הייבט אים אָן".

שטיינבאַרג, 3, 57.

1962 " אַז איך זע, ווי אַן ערשט געבוירן קעלבעלע

1443 דוצקעט דער מוטערס אייטער, רירט עס מיך טיף".

מ. אַלטמאַן, פּער 131, נ' ד, ג' 86.

2. (פֿיג) שפּאַרן זיך, אַמפּערן, צעקריגן זיך. % די שכנטעס

קריגן זיך, דוצקען זיך און מע בעט זיך גלייך איבער.

|| דוצקענע - אַדי, (שנש) וואָס שטויסן זיך.

1945 " |...| בהמות מיט דוצקענע הערנער".

1448 לוצקי, 2, 194.

ד ו ק אַ ט - דער, =ן. 1. (עלט) פֿאַרצײַטיקע גאָלדענע מטבע (בערך 3,5 גר') צוערשט געמינצט אין ווענעציע אנהייבנדיק פֿון סוף XIII י"ה.

1875 " |...| מער אַלס צוואַנציק טויזנט דוקאַטן, לבֿד פּערל |...|". דיק, 78, 27. 1451

1909 " איך וויל נישט קיין רענדלעך, איך וויל קיין דוקאַטן,// איך פֿאַרקויף נישט מײַן מוזע פֿאַר גאָלד". עדעלשטאַט, 4, 1. 1452

1948 " אַ טייל ווי דוקאַטן און אַלע צוזאַמען// אַזוי ווי אַ גאָלד=ים אין גאָלדענע פֿלאַמען". סעגאַלאָוויטש, 107, 12. 1453

2. (פֿיג) מין צימעס |סטוטש 258|.

ג געשטאַכענע דוקאַטן - (עלט) זייער ווערטיקע זאַך |סטוטש 411|.

ם דוקאט/טוקאט.

... מליכט איר מיר דאר צו רוטן// עש ווער מיר ליבר
1454 צען טויזנט טויגוטן". מגילה מינכן, דף מ/2/101.

1668 " |...| דרכמונים דאש איז איין גאלדני מינץ
1455 אז ביי אונש דיא קרונן אודר די דוקאטן גינענט
ווערדן". יוסיפון, 3, דף ע.

1716 " עש איז גיין משל פון איין מלך בשר ודם דער
1456 דא האט פיל טויזנטן גאלדני טוקאטן |...|".
חובות הלבבות, 1, דף כז.

ד ו ק א ט ן - פ ל א ט ע ר ל - דאס, =עך. (זאאל)

מין פלאטערל |סטוטש 247|.

ד ו ק ס - ----> **דופס.**

(?נ?) ד ו ק ס ע - <u>די, =ס.</u> (<u>רעג, ליטע</u>) "אַ מיידל, אין לשון

1476 פֿון ווילע יונגעך"|<u>קטור</u>|.

Lit.: dukte [?]

(לז)

ד ו ק ע ן  – טרוו. דזוו דוצן.

1959 " ער דוקעט שוין ניט מער, אבער ער וועט אויך

1477 ניט זאגן 'איר'". לייוויק, 13, 123.

דור I |דאָר| - דער, =ות|דוירעס|. 1. איין רינג
אין אַ משפּחה=קייט. % ביים סדר זיצן דריי דורות:
טאַטע=מאַמע, צוויי אויסגעגעבענע טעכטער מיט זייערע
קינדער, און דער ייִנגסטער פֿון אַט דעם דור האָט
טאַקע געפֿרעגט די פֿיר קשיות. % ער איז אַ שניידער שוין
פֿון דריטן דור - אויך זיין טאַטע און זיידע זיינען
געווען שניידערס. דאָס בשמים=פּיקסל איז איבערגעגאַנגען
בירושה פֿון איין דור צום אַנדערן.

1929 " ביי אים האָבן זיך אויך געפֿונען |...| ייחוס=בריוו
1482 פֿון כמה דורות |...| לייכטערס, שבתניקעס |...|
פֿון אַנטיטשנער אויסאַרבעטונג". יקיר וואַרשאַווסקי,
.212 ,1

2. דער כּלל מענטשן פֿון בערך דעם זעלבן עלטער, וועלכע לעבן אין אַ געוויסער תּקופֿה. % דער אַלטער דור, דער נײַער דור, דער אונטערוואַקסנדיקער דור. ער געהערט צו דעם מלחמה=דור. גאַנצע דורות האָבן געליטן פֿון רדיפֿות. מיר היטן די קולטור=אוצרות פֿון די פֿריערדיקע דורות.

1832 " איז ער אין דער מיטן בשאַפֿין געוואָרן צווישן דור המבול און דור הפלגה כּדי ער זאָל שטילין גאַטש צאָרין וואָש די דורות האָבן אים דער צאָרינט". 1483
מחזור 2, דף יג/ב.

1873 " די ביקסלעך און קלוגע המצאות, וואָס דער באַרעמהאַרציקער דור האָט לטובֿה פֿאַר די מענטשן אויסגעטראַכט". מענדעלע, 1, קאַנק 207070. 1484

1929 " דער יונגער דור פֿאַרלאָזט די שטעטלעך |...|". בעל=מחשבֿות, 1, 143. 1485

1948 " מײַן דור // מיט בלוט מיט בלוטיקן, //מיט שווידער= אימפּעט//לעבט און שטאַרבט |...|". פֿינינבערג, 5, 110. 1485/1

1948 „מיין דור // מיט בלוט מיט [illegible] // מיט
שוואַרץ־האָפֿענונג // [illegible] [illegible] [illegible]
[illegible], 5, 110. 1485/1

3. כלל מענטשן וואָס זייַנען פֿאַרבונדן דורך בשותּפֿותדיקע
אינטערעסן, אידעען פֿון אַ באַשטימטער תּקופֿה.
% דער רעוואָלוציאָנערער דור, דער פֿון דער השׂכּלה.
מע בענקט נאָך די אידעאַלן פֿון חלוצישן דור.
~~די קסדער־פֿילונגען זייַנען כאַראַקטעריסטיש פֿון דעם דור.~~

1960 " דער דור יידישע שרייַבערס, וואָס צו אים האָט
1487 געהערט דער יונגער אַש, איז געווען אַ דור פֿון אינדיווידו
אינדיווידואַליסטן". ניגער, 10, 354.

1967 " אוריאל |ווייַנרייַך| ז"ל איז געווען איינער
1488 פֿון די זעלטענע עקזעמפּלאַרן פֿון אַן אַצילותדיק
ייִדיש=וועלטלעכער תּלמיד=חכם=געשטאַלט, וועגן וועלכער
עס האָבן געחלומט און געטראַכט צוויי דורות טרוימער
און טראַכטער". ש. ביקל, פֿער 69, 7/IV.

1969 "עס איז אויפגעשטאנען א נייער דור |...|
מוזיקער|...|א. ד. פלינקער, פער 69, XI/4. 1489

4. (פיג) צייט, תקופה. % זיי האבן געלעבט אין
א דור פון מלחמות און רעוואלוציעס. דורות
לאנג האבן געשטרעבט צוריק צו קומען קיין ארץ=ישראל.

1866 "דער גרויסער ר' שמואל=שמעלקע |...| איינער
פון די גרעסטע גאונים אין יענעם דור |...|". 1490
דיק, 26, 12.

1873 "אז וויל איירע קינדער, וואס איר לעבט אין
אזא דור, וואס גוטע חברה=לייט זארגן זיך פאר אייך!". קאנק
מענדעלע, 1, קאנק 208800.

1960 "דאס געשטאלט מענדעלע איז געווען א געשטאלט
פון גייסטיקער גבורה, |...| וואס ס'האט גענומען 1491
דורות אויסצוחלומען און אויסצורייטיקן". גלאטשטיין, 15,2.

|| דורותדיק |דויעסדיק| - אדי. אלט, פאַרוואָרצלט,
שטאַמיק, ירושהדיק. % דורותדיקע טראַדיציעס, מנהגים.

1938 " די דורותדיקע שיינקייט, אַט די ברייטע, |...|
די פאַרענדיקטע, איז זיי פרעמד, זי איז פאַר זיי צו 1516
מענטשלעך". קאַראַלניק, 1, 313.

1970 " דורותדיק ייִדיש איז געווען נישט בלויז דער
מענטש אין שטעטל, נאָר אויך די נאַטור". מ. מאיראָוויטש, 1517
יזב 7.

דור=דורותדיק |דאָר=דוירעסדיק| - דזוו דפוו, מער עמפּאַטיש.

1958 " מענדעלעס מוסטער איז אַן איינגעשטעלטע,
דור=דורותדיקע שפּראַך=אָרדענונג". ניגער, 314,8. 1518

דוריק |דאָריק| - אדי. (שנש) פֿון דור, שייך צו דור.

1955 " ער |נאדסאן| וואלט אויך געקענט |...| מיטזאגן

מיט זייַן פריער=דוריקן לאנדסמאן |...| נעקראסאוו 1520

|...|". זאקוסקי, 1, 93.

0 בכל דור ודור |בעכאל דאר וועדאר| - אדוו פר.

איך אלע צייטן, תמיד.

1895 " בכל דור ודור געפינען זיך |...| שניידערס,

שוסטערס|...|, וואס מאכן נאך דעם מאדעל אות באות, 1521

מיט אלע פיטשעווקעס". לינעצקי, 9, 107.

1957 " בכל דור ודור איז דאס חסידישע פארברענגען

געווען איינער פון די מעודי=התוך אין |...| חינוך 1522

החסידים". י.י. שניאורסאן, 1, 318.

בכל הדורות |בעכאל האדוירעס| - דזוו דפוו.

1957 " דאָרט שטייען די כוחות |...| פֿון די אַלע

ספֿרי=תּורות וואָס ייִדן האָבן געשריבן <u>בכל הדורות</u>". 1524

<u>דצוו, ז' 454.</u>

<u>דור=אָדם</u> |~ אָדאָם| – דער דור פֿון אָדם=הראשון, (?ב?)
פֿון ערשטן מענטש.

<u>דור אנוש</u> |~ ענויש| – דער דור פֿון אנושן, אָדם=הראשונס (?ב?)
אייניקל, דער דור וואָס האָט אָנגעהויבן זינדיקן.

1843 " ווי הש"י האָט געזעהן דס דריי דורות ווערן
אויף שטיין דש <u>דור אנוש</u> און דאס (דור המבול) 1525
און דס (דור הפלגה) די ווערין רשעים זיין".

<u>ר' אהרן מטריבוש, 1, דף ג – ב.</u>

1883 " ווי הקב"ה האָט געזעצן דאָס <u>דור אנוש</u> און דאָס דור
פֿון מבול און דאָס דור הפלגה |...| האָט ער די ליכט 1526
|פֿון ששת ימי בראשית| באַהאַלטן אין גן=עדן צו די
צדיקים". <u>אנ, נופת צופים, 2, דף מב.</u>

<u>דור=דעה</u> |~ דייע| – 1. דער דור ייִדן [illegible], וואָס
האָבן יאָ געוואָלט אַרויסגיין פֿון מצרים.

2. (פּיג) באוווּסטזיניקע, פּארויסגייענדיקע, אוואַנגארדישע.

|182...| " האב מפאלינאי, דעם בעש"טס תלמיד מובהק

1529 האט געזעהן אז דער <u>דור דעה</u> איז שוין ארויסגעקומען

ס'איז שוין עיקבא דמשיחא". <u>מאלאגה, 1, 221.</u>

1866 " טויג אים עפּעס א <u>דור=דעה?</u> דארפן, אזעלכע ווי

1530 ער, איידעלע מענטשן זאָלן עפּעס פּארשטיין און עפּעס קענען?".

<u>פּער 177, נ' 38, ז' 581.</u>

1959 " דער רבי איז נסתלק געוואָרן, ווער וועט אצינד

1531 פּירן דעם <u>דור=דעה?</u>". <u>מ. שווארצמאן, פּער 18, VII/24.</u>

<u>דור=המבול</u>|~ האמאבל| - דער דור פון מענטשן וואס

האָבן געלעבט האָרט פאַרן מבול אין די צייטן פון

נח'ן און האָבן צוליב זייערע זינד גורם געווען די

שטראָף פון דעם מבול.

1832 " איז ער אין דער מיטין בשאפין גיוואריין
1537 צווישן דור המבול און דור הפלגה כדי ער זאל שטילן
גאטש צארין |...|". מחזור, ב, דף יג/ב.

1915 " אַלע האָבן זיך אָנגעטאָן אין פעל און האָבן זיך
1538 פאַרשטעלט |...| פאַר חיות |...| ס'איז געוואָרן ערגער
פונעם דור=המבול". שלום=עליכם, 14, 182.

דור=המידבר |~ האַמידבער| - 1. דער דור יידן, וואָס האָבן
געוואַנדערט אין מדבר און ניט זוכה געווען אריַינ-
צוקומען קיין ארץ=ישראל.

1832 " און צו דעם דור המדבר וואש זייא זענין גיוועזין
1543 א קלוג דור האשטו דעם כח פון יום כיפור גלאזט ווישן".
מחזור, 2, דף קט/ב.

1899 " איר זענט דער דור=המדבר און וועט נאָך ארץ=ישראל
1544 ניט קומען". יה"ל, 4, 93.

1960 " |...| דאָס פֿאָלק, וואָס משה האָט אים געדאַרפֿט
1545 דערציִען, איז באַשטאַנען פֿון דור המידבר, פֿון א צווישן=
דור". ניגער, 10, 305.

2. (פֿיג) אַן איבערגאַנגס=דור, מענטשן וואָס שטרעבן צו
אַ געוויסן ציל, אָבער זיי דערלעבן ניט צו זען זייער
דערגרייכונג און צו געניסן פֿון נצחון.

1953 " אין דער געשיכטע איז נישטאָ קיין דור=המידבר,
1546 פֿונקט ווי איין מענטש טאָר נישט באַטראַכט ווערן ווי
א מיטל פֿאַר אַן אנדער מענטשן". ח. גרינבערג, 210,1.

1969 " אונדזער דור=המידבר האט גענוג געוואַנדערט און
1547 מיט א געהויבענעם און פרייען קאָפּ איז ער אין לאַנד
ארײַן". י. גלאַטשטיין, פער 69, ז'/16.

דור=המידבריק |דאַרהאַמידבערניק| - (שנש) דער, =עס.
דער וואָס געהערט צום דור=המידבר.

1969 " |...| חיים ווייצמאַן, יצחק בן=צבי, דוד בן=גוריון
א/1547 |...| די דור=המידבריקעס, וואָס זענען יאָ אַרײַן
אין לאַנד כּנען און געוואָרן די אַרבעטס פון לאַנד".
דצוו.

דור=הפלגה |~ האַפּלאַגע| - 1. דער דור נאָכן מבול,
וואָס האָט געוואָלט בויען אַ טורעם ביזן הימל, אָבער
זיי האָבן ניט געקאָנט זיך פאַרשטענדיקן צווישן זיך,
געקריגט זיך איינער מיטן אַנדערן.

1832 " איז ער אין דער מיטן בשאפן גווארין צווישן
1550 דור המבול און דור הפלגה כדי ער זאל שטילין גאטש
צארין". מחזור 2, דף יג/ב.

1878 " |...| בשעת דעם דור=הפלגה האבן אלע מענטשן
1551 זיך פארקליבן אויף איין ארט, זיך גענומען מאכן ציגל
און אויסבויען א שטאט מיט הויכע מויערן אין הימל".
מענדעלע, 16, 56.

1917 " גלייבט ער, ווי אין דעם דור=הפלגה, אז עס איז
1552 גוט |...| פאר דעם מענטשן |...| ארויפצוקריכן
אויפן הימל |...|". זשיטלאווסקי, 5, 191.

2. תקופה אדער סיטואציע פון צעטיילונג, אומפארשטענדיקונג, (אומאייניקייט)
קריגערייען צווישן מענטשן.

1910 " א <u>דור=הפלגה</u> איז עס. מיט פארשיידענע שפראכן
1558 רעדט דאַ איין מענטש צום אנדערן און זיי פארשטייען
ניט איינער דעם אנדערן". <u>י. גארדין, 4, 241</u>.

1927 " אַן אמתער <u>דור=הפלגה</u> איז דאַ געווען צווישן
1559 די בויער פון דער אײַזערנער בריק. אַנטלאָפענע ארעסטאַנטן,
|...| פרומע קליינשטעטלדיקע ייִדן, |...| דארע שניידערס".
<u>י.י. זינגער, 4, 97</u>.

1963 " איינער פון אונדזערע גרעסטע טראגעדיעס היינט
1560 צו טאג |...| איז די טראגעדיע פון דעם <u>דור=הפלגה</u>".
<u>לייוויק, 14, 380</u>.

<u>דור=הפלגהניק</u> |~ האפלאַגעניק| - <u>דער, =עס</u>. (<u>שבש</u>)
אַנגעהעריקער צום דור=הפלגה, <u>ב' 2</u>.

1957 " א <u>דור=הפלגהניק</u>, וואס ווייסט קיין חילוק
1563 צווישן גוטס און שלעכטס". <u>רויזענבלאט, 8, 113</u>.

**דור=הפלגהש** |~ האַפּלאַגיש| – אַדי. (שנש) ווי פֿון דור=הפלגה, ב׳ 2.

1564 1944 " ווערטער דור=הפלגהשע". נאַדיר, 12, 111.

**דור=יתום** |~ יאָסעם| – (פֿיג) אַ דור, אין וועלכן דאָס פֿאָלק האָט ניט קיין געהעריקן מנהיג, וועגווייַזער.

1916 " |...| האָט מען עס באַטראַכט פֿאַר דעם גרעסטן
1565 אומגליק, פֿאַר אַ חורבן, ווען ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז
ס׳קומט אַ ׳דור=יתום׳, אָן פֿאַרשיידענע פֿאַרזאָרגערס
מיט בירושהדיקע זכרונות |...|". זילבערבוש, 1,174.

1964 " |...| אונדזערע קינדער און תלמידים גייען ניט
1566 אין אונדזער וועג און מיר זייַנען אַ דור=יתום,
אַ דור אָן יורשים". ח. גראַדע, פֿער 69, 23/X.

<u>דור=עיקש</u> |~ איקעש| - (<u>לל</u>) אַ דור פֿון הארטנעקיקע מענטשן
(להיפּוך פֿון דור-דעה)

<u>דור-פּרוץ</u> |~ פֿאַרוץ) -(<u>לל</u>) א דור פֿון הפקרדיקע מענטשן.

1912 " מיר לעבן טאַקע אין <u>דור פּרוץ</u>... און כּפירה בכל".
1657 <u>מב"ם, 1, 3.</u>

<u>דור=תהפּוכות</u>|טאַהאַפּוכויס| - (<u>לל</u>) א דור פֿון אומשטאַנדהאַפֿטיקע,
לייַכטזיניקע, אומבאַגלייביקע מענטשן.

1912 " יעצט, אין אַזא דור=תהפּוכות, ליגט א הייליקער
1658 חוב |...| צו דערקלערן פֿאַרן המון |...| אין
וואָס באַשטייט דאָס יידנטום |=יידישקייט|". <u>דצוו, ז', 4.</u>

<u>גדול=הדור</u> - ---→ <u>זמז</u>.

דורות=אלט – זייער אַלט, טראַדיציאָנעל.

1567 1927 " |...| אין דער זעלבער צײַט האָט |זיך| אָנגערוקט אויף אונדזער גאַס // א שווערער וואָלקנוואַל, דער האָס צו אונדז, דער דורות=אַלטער האָס".

מ.ל. האַלפּערן, 2, 82.

1568 1968 " דאָס זענען געווען מערסטנס יענע כלה=מיידלעך |...| אויף וועמען ס'איז געפֿאַלן אַ חשד פֿון אַן אָפּנייג פֿונעם אויסגעטראָטענעם, דורות=אַלטן וועג".

א. קאַליש, יזב 2, 198.

דורות=לאַנג – זייער אַ סך צײַט, במשך אַ סך תּקופֿות.

1569 1918 " ס'איז אַ רייכער ייִחוס// טיפֿע היילן האָבן,// ווו מלאכים זײַנען // דורות=לאַנג באַגראָבן".

א. אויערבאַך, 1, 13.

1954 " אויב די דאָזיקע רעגירונגען זאָלן באַזיגט ווערן,

1570 ווערן מיט זיי צוזאַמען באַזיגט די פֿעלקער, וואָס האָבן

__דורות=לאַנג__ אַקומולירט אוצרות פֿון סאָציאַלע ווערטן".

__ח. גרינבערג, 3, 127.__

__אויף דור=דורות__ - אויף שטענדיק, אויף זייער לאַנג,

אויף אייביק.

1916 " |...| און מיר האָבן אַוועקגעלייגט פֿאַר די

1575 פֿאַסאַזשירן אַ כל=נדרי, וואָס זיי וועלן אים האָבן צו

געדענקען אויף __דור=דורות__". __שלום=עליכם, 8ב, 17.__

1965 " איך זע נעמען, אַריינגעמויערט אין שטיין, וואָס

1576 וועט זיך האַלטן אויף __דור=דורות__". __ב. צ. גאָלדבערג,__

__פֿער 69, 9/X__

פון/זיַיט דורות - פון זייער לאַנג צוריק, פון גאָר א מאָל.

1905 " די ליכטעלעך די דאָזיקע,// וואָס שימערן און שיַינען,// צו זען בלויז און צו אַכפּערן,// געשטעלט פון דורות זיַינען". יהואש, ליד, "הנרות הללו". 1582

פון/זיַיט דור=דורות - 1. דיוו דפּוו, מער עמפּאַטיש.

1912 " |...| איר וואַגט נאָך צו זיצן מיט איַיער זינדיקן קערפּער אויף דעם כסא=הרבנות, וווּ ערלעכע מענטשן זענען געזעסן זיַיט דור=דורות?". זאלאטארעווסקי, 34,1. 1584

2. פון אַ סך פריערדיקע דורות, אַזן באַטייט 1.

1926 " |...| גראַדול איז דאָך א גנב פון דור דורות". אַפּאַטאָשו, 5, 99. 1585

1943 " |...| מיט אמת אײַנגעזעסענע בכבודיקע לײַט,
אײַנגעבירגערטע פֿון דור=דורות אין לאַנד". 1586
י. י. זינגער, 8, 12.

3. פֿון א סך דורות פֿריִער, איז באַטײַט 4.

1962 " ער |...| ברענגט אַרויס די פּערל פֿון ייִדישער
עטיק, דער יסוד פֿון דער ייִדישער קולטור פֿון דור=דורות". 1587
ש. לעשצינסקי, זב 6, 100.

דור=אײַן, דור=אויס - פֿון איין דור צום אַנדערן,
במשך פֿון דורות.

1963 " די חומראס, וואָס רבנים האָבן צוגעגעבן דור=אײַן, ?
דור=אויס צו דער הייליקייט פֿון שבת, האָבן פּאַקטיש 1590
געראַטעוועט דאָס ייִדישע פֿאָלק פֿון אונטערגאַנג".
ד. סעגאַל, פּער 155, XII / 6.

דור הולך ודור בא | דאָר הוילעך וועדאָר באָ | - א דור
גייט אַוועק און אַ דור קומט, פֿיגוראַטיוו געמיינט,
אַז דאָס לעבן שטייט ניט אויף איין אָרט, אַלץ בײַט זיך,
באַנײַט זיך.

1885 " הײַנט אָבער איז בעסאַראַביען ניט ווי אַ מאָל -
1591 <u>דור הולך ודור בא</u> - גאָר אַ נײַ בעסאַראַביען איז געוואָרן,
מיט נײַע מאָדעס, מיט פֿרישע מענטשעלעך". <u>פער 74,נ'34,ז'529</u>.

דור דור ודורשיו | דאָר דאָר וועדוירשאָוו | - יעדער דור
האָט זיך זײַנע אויסטײַטשערס, געמיינט, אַז יעדער
תּקופֿה האָט אירע אייגענע גײַסטיקע פֿירער, אידעאַלאָגן.

1957 " עס איז <u>דור דור ודורשיו</u> און דור דור ודרשותיו".
1592 <u>א. גאַלאָמב, פער 38, נ' 31, ז' 71</u>.

דור שפולו זכאי | דאָר שעקולוי זאַקאַי | - אַ דור (אַ צײַט) אין וועלכן אַלע מענטשן זײַנען גוטע, גערעכטע, צדיקים.

דור שפולו חייב | ~ כאַיעוו | - אַ דור, אין וועלכן אַלע זײַנען שלעכטע, זינדיקע, רשעים (אין שייכות מיט דער גלייבונג, אַז משיח וועט קומען, ווען אַלע מענטשן וועלן זײַן צדיקים אָדער אַלע רשעים).

1958 " די געוויינלעכע מקובלים ווילן אַ דור שכולו זכאי, ער וויל אַ דור שפולו חייב". ניגער, 8, 105.

| |
|---|
| רעד: די לעצטע פיר (וויכטיקע!) פראַזעאָלאָגיזמען וועלטן געדאַרפט האָבן מערער און בעסערע ציטאַטן= אילוסטראַציעס, צום באַדויערן נ... ניטאָ... |

שוו: עס שטאַרבט קיין דור ניט אויס - די וועלט בלייַבט

1593 תמיד די אייגענע |אויסטייַטש פֿון בערנשטיינען, ז׳ 269|.

□

דור, דורות

----> 2.

1722 " |...| איך פסוק שטיט דש (חזקיה) זאגט דיא לייט

1596 פון מיין דור זיינן פון מיר אב גוויכן".

מנורת המאור, דף קעב.

----> 4.

1729 " איצונד בייא דיא דורות האט הש"י דען עולם

1597 גיהאלפין דז |...| דיא טייטשי ספרים מיט דיא גרושי

כוונות אונ תחינות אונ בקשות זיינן אויף גיקומין".

תקוני המועדים.

0 <u>דור אדם.</u>

1713 " דרום אך ווייל דער עולם איך <u>דור אדם</u> און

1603 דור שת דיאווארן פר ציינט און ווארן גהיט פון צו דינן

(עבודות אלילים)". <u>מחזור, 1, דף קפח.</u>

<u>דור אנוש.</u>

1713 " דאש דור דאש דריטי פון בריאות עולם וואר

1604 <u>דור אנוש</u> דז אדם הראשון עניקל". <u>מחזור, 1, דף קפח.</u>

<u>דור דעה.</u>

1743 " דש (דור) איז גוועזן אייך (<u>דור דעה</u>)דען עש

1605 זיינן אונטר דיא יהודים גוועזן זער פיל און׳ גרושי

גלערנטי אין אלירליא (חכמות)". <u>שארית ישראל, דף סד.</u>

~~דור המדבר.~~

... ~~"דרדע — און׳ דור המדבר". [illegible] 8, [illegible]~~

**דור המבול.**

1626 " מן מוז וויסן דז דאש דור המבול האבן אירי

1606 אייגני קינדר גינומן אונ׳ האבן דער מיט פר שטאפט

דיא לעכר פון אב גרונד דז דאש ווסר זאל ניט ארויף

קומן". ס׳ המגיד, 1, איוב, כד - יט.

**דור המדבר.**

1608 ... " ודרדע ~ אונ׳ דור המדבר". רייכלין 8, מלכים א׳; ה - יא.

**דור הפלגה.**

1626 " |...| דער פסוק גיט בייא דור הפלגה דיא שפראכן

1609 ברייט אייך אן אונ׳ מיר וועלן ציגלען ציגל".

ס׳ המגיד, 1, דניאל, ו׳ - יז.

ד/ **דורי=דורות.**

1763 " ווי דז פאלק הערט אזו היבטן זיא אלי אך צו וויינן

1612 די זעלביג נאכט דש זעלביג וויינן האט אונס צו וויינן

אויף דורי דורות גימאכט". קהלת יעקב, דף פא.

(?נ?) ם ~~דור II~~ ד ו ר / ד ו י ר - אדי. דאר, טרוקן,הארט.

1614 .... "וחריבה - אונ׳ דרא". רייכלין 8, ויקרא, ז - י .

1615 1544 " אונ׳ בון דען דוירן טרויבן גאבן זיא אים
צווייא". שמואל=בוך, סטר׳ 760.

1696 " מייני טעג אז איין שאטן דר דא איז גינייאגט
1616 אונ׳ איך אז איין קרוט איך בין דור". |טידור| תפלה למשה,
דף שעב.

[וווּבער ר]

ד ו ר !!! - דער, בא. (רוס, נא) נארישקייט, איינריידעניש,

R: дурь

מאַניע, משוגעת.

1909 " מען מוז אים אַרויסשלאָגן דעם דור פֿון קאָפּ".

1624 קארפּילאוו, 1, 30.

1904 " ~~מען מוז אים אַרויסשלאָגן~~ דעם דור ~~פֿון~~ קאָפּ".

1625 לייוויק, 13, 169.

ד ו ר IV - אדי. (מוזיק) דזוו מאזשאר. % די מעלאדיע
איז אין א = דור (לא מאזשאר).

(?ב?) O דוראקארד - דער, =ן. (מוזיק) אקארד וואס באשטייט
פון די פיר גרונטטענער פון א גאמע אין דור(מאזשאר).

ד ו ר א - די, בא. (באט, רעג, ישראל) געוויקס פון תבואה=משפחה (Soll Sorghum).

1891 " דורא , א מין אַרבעס וואָס מען מאָלט אויף מעל און מען באַקט דערפון ברויט". וועבער, 1, 149. 1627

1918 " ביך איך פריילעך פונעם רעגן,// ס'וועט א שפע זיין,// ווייץ און דורא - פון די פעלדער,// פון די גערטנער - ווייַן". א. אלמוזנינאָ, 1, 40. 1628

(?נ?) ■ ד ו ר א ט - דער, =ן. מין פארצייטיקער שטאף אויף בגדים.

1732 " |...| זויא וואל ענגילשי אלש אויך איטאליאנישי

1631 סחורות נעהמליך ענגלישי שארשין, |...| דראגעטין, דוראטין, איטאליאניש, טאפיטין, דאמאשטין |...|".

אגרת שלמה, בריוו 1.

(?ב?) ד ו ר א ט ש א ק - דער, =עס. (רוס, נא) נארעלע.

1931 " |...| פאכאמטשעװקא |...| װועמען מע האלט פאר א

1632 דוראטשאק אויף דער באטארייע". ברעגמאן, 1, 190.

ד ו ר א ל ו מ י ן (י ו ם ) - דער. בא. (כעמיע)

געשמעלץ פון אלומיניום מיט קופער און אנדערע מעטאלן און מינעראלן, נאכן פארהארטעווען באקומט דער מעטאל א באזונדערע הארטקייט, לאזט זיך גוט באארבעטן, ווערט א סך גענוצט אין דער טעכניק, באזונדערש אין אוויאבויונג - % די פליגל פון עראפלאן זיינען פון דוראלומין.

ד ו ר אַ ק - דער, =עס. (רוס, נאַ) 1. נאַר, טיפּש, שוטה.
UK/R: дурак.

1864 " איך בין באמת געווען אַ לעקיש, |...| אָבער,

1635 ווי ס'האָט זיך דערנאָך ארויסגעוויזן, בין איך ניט

געוועזן אַ דוראַק פון דער נאַטור". מענדעלע, 12, 34.

1904 " דוראַק! איך אַ מלחמה איז מען סוואָבאָדנע|=פרײַ|,

1636 פּטור פון אַלץ". שלום=עליכם, 33, 108.

2. מין קאָרטנשפּיל.

דורבאַטש - דער, =עס. נאַר, שוטה.

|1914| "...| וואָרעם אַזאַ 'דורבאַטש' |...| ווי זײַן
שוועסטער, |...| קאָן אַקוראַט אַרײַנפּאַלן דער רוח ווייסט 1647
אין וואָסערע הענט". שלום=עליכם, 9א, 200.

........................................................

רעד: ניט זיכער אין אויסטײַטש, נײַטיק אַ גרעסערער
קאָנטעקסט. אין אוקראַיִניש אי, יאָ דאָ אַן ענלעך
וואָרט מיט דעם דאָזיקן באַטײַט: дурбас — נאַר, שוטה.

........................................................

(?נ?) ד ו ר ו - דער, =ס. מין אַמאַליקע מטבע.

1912 " אין דער סחורה, וואָס ער האָט פֿאַרקויפֿט, האָט

1648 ער פֿאַרדינט אַזוי ווי אַכט הונדערט דורוס".

אנ, ס'השגחת הבורא, ז' 8.

....................................................

רעד: אויסטייטש לויטן קאַרטל. פֿון וואַסער לאַנד?וועך?

....................................................

~~8.30 8.70~~

~~7751~~

(?נ?) ד ו ר י ל ע |הארטע "ל" און "י"| - דער, =ס. (סל, נא)

נאַר, שוטה.

Ук: дурило; В: дурыла

ד ו ר י ן - ----← דורען I.